# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' נומער 216 · פרשת תזריע · תשפ"ד




**בית פיגא ווערק:**
אנטלאפן פאר שולחן עורך
39

## צוריסן די שיף קארטן שושן פורים שנת תש"ח
10


28

## א גרוס פון בני ברק:

א שמועס מיט מו"ה משה רעכניצער הי"ו גבאי היכל הקודש בני ברק, וואס פארציילט וויאזוי א משגיח אין ישיבה האט אים מקרב געווען צום ראש ישיבה שליט"א, און נאך אינטערסאנטע עפיזאדן.

**וועלטליכע נייעס:**

## ערדציטערניש אין די מזרח שטאטן פון אמעריקע
6

# קרית ברסלב בלעטל



וועלטליכע נייעס
ערדציטערנישן
6



אלץ און אלעמען
די מיטל מזרח
8


געדאנקען
צוריס די
שיף קאררן
10


מיט א טיפערן בליק
פארוועם איז ער
מפיץ?
22


א גרוס פון בני ברק
א שמועס מיט
מו"ה משה
רעכניצער הי"ו
28


בית פיגא וועכן
אנטלאפן פאר
שולחן עורך
39



רעדאקציע:

אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, שמעון עוזר פערל, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, נפתלי הירצקא וואללנער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:

**718.387.2691**

subscribe@kerenhadfusa.org

לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:

077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו

chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע

בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161

136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747

breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty

תזריע ה' ניסן תשפ"ד

הדלקת הנרות .......... 07:19

מוצאי שבת ........... 08:51

מנחה מעריב מצורע.... 08:35

די דעדליין אריינצושיקן עדס פאר די פסח אויסגאבע איז קומענדיגן זונטאג טהרה 12:00 נאכמיטאג


## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה נחמן ישראל יאקאבאוויטש הי"ו**

**וזוגתו גיטל תחי'**

**צו די געבורט פון איינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה בניהו אונגאר הי"ו**

**וזוגתו צפורה תחי'**

**צו די בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון אלע קינדער געזונטערהייט.


## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 12 | 55°/38° | Rain |
| Sat 13 | 48°/37° | AM Clouds/PM Sun |
| Sun 14 | 58°/47° | Partly Cloudy |
| Mon 15 | 65°/47° | Partly Cloudy |
| Tue 16 | 63°/46° | Partly Cloudy |
| Wed 17 | 59°/46° | Partly Cloudy |
| Thu 18 | 59°/44° | Showers |
| Fri 19 | 57°/42° | Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט

**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**

שיחות הר"ן רכ"א

# יעדער איינער ווערט גבאי!

## דער זונטאג גייען זיך אלע אנ"ש העלפן שאפן לפחות $360 פארן בית התבשיל

## איש כל יעדר

גאנץ יו"ט $1800

ליל הסדר $360

סעודת יו"ט $180

רופט אריין מיט אייער נדבה
און זייט מחזק די עסקנים

**845.637.5367**

ב"ה

ראפעל #1 פסח תשפ"ד:

# שטיקער זילבער



מיטן ארויסהעלפן דעם הייליגן רבי'ס מוסדות בארץ הקודש זאל זיך קענען דעקן, קענט איר זיין די גליקליכע געווינער צו דעקן אייער שבת ויום טוב טיש מיט שענסטע שטיקער זילבערווארג.

געווין א גיפט קארטל פון
**$1,000**
ביי די בארימטע
Signature Silver

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר עננו

בלויז
**$36**
א טיקעט

**מתן שכרה בצידה:**
די געווינער וועט האבן די זכי אז די תשב"ר וועלן זאגן שיר השירים ביים ציון פון ר' מאיר בעל הנס, לזכותו.

רופט אונז:
347.466.2410

קומענדיגע גורלות וועט נאכפאלגן בעזר השם

די גורל וועט אי"ה פארקומען ליל שישי י' ניסן הבעל"ט

marketedge 718.207.8863

Marketedge | 718.207.8863

בס"ד

טייערע חברים שיחיו עמו"ש

אזוי ווי איר ווייסט פרוביר איך בכל הכוחות צוצוהעלפן פארן ראש ישיבה שליט"א צו דעקן די ריזיגע הוצאות מדי חודש בחדשו וואס מ'דארף האבן אויסצוהאלטן די מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש.

אלץ ערשטע שריט וויל איך אייך פארשטעלן א זעלטענע געלעגנהייט, איך בעט יעדן איינעם מאנשי שלומינו בלי שום יוצא מן הכלל, קודם כל זייט אייך משתתף מיט לכל הפחות צוויי מאל ח"י $36 להחזקת המוסדות.

ובשכר זאת, חוץ וואס הקרן קיימת לו לעולם הבא וויל איך געבן מתן שכרו בצדו אז מ'וועט אי"ה יעדן חודש ארויס ציען א גליקליכן געווינער וואס די תלמידי היכל הקודש מעיה"ק טברי' וועלן ארויף גיין ערב שבת קודש צום ציון רבי מאיר בעל הנס און צינדן א ליכט לזכותו, און דערנאך זאגן דעם שיר השירים קודש הקדשים לזכותו במקום קדוש ובזמן קדוש על ידי צאן קדשים תלמידי היכל הקודש.

דער זכות דערפון איז אין לשער גארנישט משיג צו זיין, און איר קענט דאס עררייכן פאר בלויז אפאר דאללער - פארשטייט זיך ווי מער מען גיבט גייט מען נאכאמאל אריין אין גורל מיט מער שאנסן צו געווינען, פארבינדט זיך מיט מיר פאר מער פרטים .

אין די ערשטע חודש האבן מיר צוגעלייגט נאך א גורל פאר די זעלבע געלט, א שאנס פאר א געווינס פון טויזענט דאלער ביי סיגנעטשור זילבער.

איך בעט ביי ענק, גיבט מיר א האנט צו קענען ארויסהעלפן דעם ראש ישיבה וואס טראגט די גאנצע עול אויף זיינע פלייצעס, און אין דעם זכות וועט איר אודאי האבן כל מיני ישועות ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן אז ישועות פועל'ט מען ביי רבי מאיר בעל הנס.

ואלקא דמאיר יעננו מיט א חג כשר ושמח וכל טוב סלה.

ידידכם - אהרן וואסערמאן
גבאי רבי מאיר בעל הנס דהיכל הקודש
347-466-2410

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## א מאסיווער ערדציטערניש טרייסעלט אויף טייוואן

פארגאנגענעם וואך האט א גאר ערנסטע 7.4 ריכטער מאס ערדציטערניש דורכגעריסן דעם טייוואער שטאט הואַליען וואס פארמאגט א פאפולאציע פון בערך הונדערט טויזענט וואס שטייטביים מזרח ברעג פונעם פאציפישן אקעאן.

דער ערציטערניש האט אפעקטירט נאך פילע שטעט ארום, צען זענען געווארן באשטעטיג צו זיין אומגעקומען, איבער טויזענט פארוואונדעט, און צענדליגע זענען פארכאפט אין טונעלן אדער אונטער געביידעס.

אין איינע פון די טיפע טונעלן אינדרויסן פון שטאט זענען פארכאפט געווארן 25 מינע ארבעטער אן קיין שום וועג ארויס, די רעטונג ארבייטער ארבעטן שווער צו טרעפן א וועג ארויס פאר זיי, איינער פון די ארבעטער האט באוויזן צו מאכן א פארבינדונג צו די וועלט אנרופענדיג א חבר דורך זיין טעלעפאן, זוכענדיג הילף אין זיין שווערע מצב. דער חבר האט זיך נאכגעפרעגט און איז געקומען קוקן וואס עס גייט פאר, און האט געזען אז די מצב איז האפענונגסלאז. עס איז דא אזויפיל ארבעט צו ראטעווען מענטשן פון צופאלענע געביידעס, קעיר נעמען פון די הונדערטער פארוואונדעטע, און די קליינע צאל אויפמערזאמקייט וואס די גרופע ארבייטערס באקומען צוליב די גאר שעדליכע פלאץ ווי זיי זענען פארכאפט.

דער חבר האט נישט געטראכט קיין צוויי און צוריק גערופן צום טעלעפאן ווילאנג די בעטעריעס ארבעטן נאך, און זיי געלאזט וויסן קלאר אומצווייידייטיג אז זיי האבן נישט קיין האפענונג, זיי דארפן זיין רעאליסטיש, און זיי זאלן זיך גרייטן צו ענדיגן זייער לעבן צען מייל אונטער די ערד.

איר רייבט זיך יעצט די אויגן, און וואונדערט זיך אויף די גאנצע געשיכטע. קודם כל, ווי קומט אזא אכזריות צו דעם אזוי גערופענעם חבר? אויך ווילט איר מן הסתם פארשטיין פארוואס די מעשה ווערט נישט באריכטעט אין די וועלט׳ס מידיע, מען וואלט דאך געדארפט אויפשטורעמען א וועלט, מענטשן זענען פארכאפט און קיינעם גייט עס נישט אן? און צום לעצט ווילט איר לכאורה וויסן וואס האט זיך אויסגעלאזט דארט מיט די חברה. איר הייבט שוין אן חושד צו זיין דעם שרייבער, צי ער חלומ׳ט בהקיץ, דערפאר ווילן מיר אייך קלארשטעלן אז יא דאס איז אן אמת׳ע געשיכטע, מיט בלויז עטליכע דעטאלן געטוישט. עס האט נישט פאסירט אין טייוואן, ביי א ערד ציטערניש, ביי מינע גרעבער.

אבער עס פאסירט ליידער דא צווישן אונז, און איך וואונדער מיך אויך פארוואס קיינער באריכטעט עס נישט. קיינעם גייט טאקע נישט אן אז מענטשן ווערן פארכאפט טאג טעגליך ביי די נישט גוטע? עס באריהרט אייך נישט אז אידישע קינדער פאלן אראפ טיף טיף און אנשטאט מען זאל זיי העלפן טרעפן די וועג צוריק, רייסט מען אפ די שטריק פון די לייף גארדס?

טויזנטער אידישע קינדער זענען צובראכן, זיי שפירן ווי זייער מצב איז פארפאלן, עס איז דערנאך, יעדער האט פארגעסן פון זיי, זיי זענען זיכער ביי זיך אז "קיינער דארף מיך נישט", ער איז נעבעך אראפ געפאלן זייער ווייט ער האט זיך אויסגעגראבן א טיפער הייל אונטער די ערד, און ער זעט נישט קיין וועג ארויס, די וועלט איז אים צוזאם געפאלן. פארוואס זאגטסו אים "וועסט ברענען אין גהינום"? פארוואס שרייסטו אויף אים שייגעץ ארויס? לאמיר אויפשטורמען די וועלט און נישט איינרוען לאמיר פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות וואס זענען מער אפעקטיוו ווי ריזיגע בולדאזערס און נישט אפלאזן הפצה ביז אלע פארכאפטע וועלן געראטעוועט ווערן מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף.




# ערד ציטערניש געשפירט אין די מזרח שטאטן פון אמעריקע

דעם פארגאנגענעם ערב שבת קודש שמיני 10:20 אינדערפרי האבן מיליאנען מענטשן אין די סטעיטס פון ניו יארק און ניו דזשערסי אריינגערעכנט אין אלע געגנטער ווי היימישע אידן וואוינען, פון לעיקוואוד ניו דזשערסי ביז צו די קעטסקילס אין ניו יארק, געשפירט א שטארקע טרייסל פאר בערך צוואנציג סעקונדעס. מענטשן האבן זיך געוואונדערט וואס די טרייסלעניש מיינען, אבער עס איז באשטעטיגט געווארן אז די געגנט איז באטראפן געווארן פון א מילדע ערד ציטערניש, געמאסטן 4.8 אויפן ריכטער וואג.

ווען די ציטערניש איז אין די געגנט צווישן 4 און 5 אויפן ריכטער וואג ווערט עס גערעכנט ווי א מילדע ערד ציטערניש. יעדן טאג פאסירן טויזנטער פיצעלע עדר ציטערנישן וואס נאר סאפיסטיקירטע מאשינען כאפן אויף, אויך פאסירן טויזנטע לייכטע ערד ציטערנישן וואס כמעט קיינער כאפט נישט אויף, אבער מילדע ערד ציטערנישן זענען נישט קיין טעגליכע ערשיינונג אין די געגענט פון ניו יארק, דאס זענען ערד ציטערנישן וואס רוב מענטשן וועלכע געפונען זיך אינעווייניג אין הייזער שפירן, אבער רוב מענטשן אין גאס וועלן נישט אויפכאפן.

פאריגע וואך האט דער אייבערשטער געשיקט א גאר שטארקע ערד ציטערניש אויף טייוואן, אלעס וואס פאסירט אויף דער וועלט איז נאר אויפצואוועקן אונז אידישע קינדער, און ווי עס זעט אויס האט דער אויבערשטער מיט זיין גרויסע חסד געוואלט אויפוועקן מיר זאלן כאפן באצייטענס אז מען מיינט אונז, האט דער אייבערשטער געשיקט נאך א פריינטליכע דערמאנונג אין די פארעם פון א מילדע ערד ציטערניש וואס האט נישט געמאכט קיין שאדענס, אבער האט אלעמען אויפגעשאקעלט.

עס איז באקאנט די משל פון דעם מענטש וואס איז געווען פארשפארט אויפן דאך פון א וואלקן קראצער אין שטאט, און האט געוואלט מען זאל אים באמערקן מען זאל אים קומען ראטעווען, האט ער געווארפן קענדיס, דערנאך קווארטערס, דאלערס און הונדערטערס פון אויבן, אז מענטשן זאלן באמערקן ווער עס ווארפט עס, אבער די דורכגייער האבן בלויז גענומען די שיינע מתנות פון הימל און זיך בכלל נישט וויסנדיג געמאכט.

בלית ברירה האט ער גענומען ביר פלעשלער וואס זענען דארט געליגן און אנגעהויבן ווארפן איינע נאך די אנדערע אויף די דורכגייער, און הפלא ופלא עס איז געווארן א ויצעקו און ביז עטליכע סעקונדעס האבן זיך שוין געפונען פאליציי אויבן אויפן דאך מיט די רעוואלווערס אויסגעשטרעקט "ביסט א מזיק אן אזכר, ווארפן גלאז אינעם רשות הרבים", האט דער מענטש זיי געפרעגט, "ווען איך האב געווארפן קענדיס און געלט, וואו זענט עטס געווען? ווען ענק וואלטן מיר באמערקט און געקוקט צו מיר דעמאלטס וואלטן ענק נישט געדארפט ליידן".

דער אייבערשטער געבט אונז אזא גוטע לעבן, און מיר נעמען אלעס פאר גרעגנטעד. עס קומט זיך אונז פרנסה, געזונט, קינדער, א הויז, און אזוי ווייטער, מיר קאמפלעינען א גאנצן צייט, עס פעלט אונז דאס און יענץ. דער אייבערשטער וויל מיר זאלן אים טרעפן דורך זיינע חסדים, ער וויל אונז נישט דערשרעקן, און זיכער נישט חלילה שטראפן.

יעצט ווען מיר האבן געהערט פון די ערד ציטערניש אין ווייטן טייוואן, און דערנאך די מילדע ערד ציטערניש דא ביי אונז, איז די צייט מיר זאלן אנהייבן דאנקען און אנערקענען דעם אייבערשטן וואס איז דא מיט אונז און געבט אונז נאך אן אטעם, נאך א טאג, מיר קענען לייגן תפילין, רעדן א ווארט צו אים. אז מיר וועלן קוקן צו אים ווען ער ווארפט אונז צוקערלעך, וועלן מיר נישט דארפן ליידן.

גרשון קרעמער




# די מיטל מזרח

אז מיר זענען שוין אריינגעפארן אין אזיע, וועלן מיר גיין באזוכן דעם "מיטל מזרח" דאס איז א געגנט וואס באשטייט פון פילע לענדער וואס זענען בעיקר אין אזיע, אבער נעבן ווי אייראפע אין אזיע ענדיגן זיך.

די וויכטיגסטע פלאץ ביי אונז אידן איז ארץ ישראל וואס געפונט זיך אין יענעם שטח, ווען מיר לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים זעען מיר כסדר ווי ארץ ישראל און אמונה גייען צוזאמען, מען זעט וואס דער רבי שרייבט איבער די גרויסע השגות וואס ער האט דערגרייכט נאכדעם וואס ער איז געווען אין ארץ ישראל, ארץ אשר עיני ה' אלוקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה.

רבי נתן שרייבט פילע מאל אז דאס גייט ביידע וועגן, אמונה איז ארץ ישראל, און ארץ ישראל איז אמונה, ווען מיר לעבן מיט אמונה, זענען מיר זוכה צו די אלע גרויסע זאכן וואס ארץ ישראל ברענגט. דאס דארף מען אפילו נישט שרייבן אז מען רעדט חלילה נישט פון די ממשלת הציונים, וואס דאס איז היפך אמונה, היפך שמירת התורה והמצוות רחמנא ליצלן.

מען קען נישט שרייבן איבער דעם אן דערמאנען וויפיל מאל מוהרא"ש ז"ע האט געבליטיגט זיין גאנץ לעבן אויף די מיליאנען אידן וואס ווערן דורך זיי נתחנך אן קיין שמע ישראל, מיט א שנאת הדת, און וויפיל מוהרא"ש האט זיך מוסר נפש געווען זיין גאנץ לעבן צו מפיץ זיין די אמונה צו די קינדער פונעם אויבערשטן וואס זענען נעבעך פארלוירן געווארן.

די מיטל מזרח איז א ראיאן וואס איז מער וויניגער הייס און מדבר'דיג, צווישן די באקאנטע לענדער דארט ציילן זיך מצרים (וואס איז אין אפריקע.) אזוי אויך זענען צווישן זיי די לענדער פון איראן, איראק, סאודי אראביע, די עמיראטן, תימן, וואס זיי אלע זענען אין אזיע, און אזוי אויך טערקיי וואס געפונט זיך רוב אין אזיע אבער אויך אין אייראפע.

רוב איינוואוינער אין מיטל מזרח זענען מוסלמענער, אבער נישט אלע זענען אראבער, די טערקן ווערן גערעכנט אלץ א פאלק פאר זיך - "טערקן" און כאטש זיי זענען מוסלמענער, זיי פאלגן נאך דעם צודרייטן מוכאמאד, זענען זיי אבער נישט קיין אראבער. אזוי אויך די איראנער זענען "פערסן" און נישט קיין אראבער.

דער שטח הייבט זיך אן פון אויבן רעכטס אין אזיע צווישן די "סטאן" לענדער ביי אפגאניסטאן און איראן, דערנאך קומען אלע לענדער אינעם אראבישן האלב אינזל, ארויף ביז טערקיי, און דערנאך די לענדער פון אפריקע וואס גרעניצן זיך מיטן ים סוף און מיט'ן מיטלענדישן ים. דער מיטל מזרח איז ארום גענומען מיט פילע טייכן און ימים, פון אויבן רעכטס איז דער קאספישער ים, דערנאך דער שווארצער ים (דורך וועלכע מען קען פארן מיט א שיף צווישן טערקיי און אדעסא אוקריינא), און נאך טערקיי קומט דער באקאנטער מיטלענדישער ים וואס איז צווישן אייראפע אזיע און אפריקע, און פונקט אינמיטן דעם שטח קומט אריין דער ים סוף (אדער דער "רויטער ים") אויף וועלכע מיר וועלן פארציילן פאר אונזערע קינדער פסח בײנאכט די נסים וואס דער אויבערשטער האט געטון מיט אונזערע עלטערן ווען זיי זענען ארויס פון מצרים.

און באמת נאר דאס איז אונז נוגע. שטודירן די אלע מלחמות און איבערקערעניש מיט וואס דער שטח איז וואויל באקאנט וועט אונז גארנישט רייכער מאכן. נאר דאס רעדן פון די אמונה און ווי דער אויבערשטער געבט זיך אפ מיט אונז און ווארט מיר זאלן זיך ווענדן צו אים דאס איז אויף וואס מיר דארף פאקוסן.

אויב האט איר סיי וועלכע נושא וואס איר ווילט מיר זאלן באשרייבן, קענט איר שיקן אן אימעיל צו askgershon@mail.com, און מיר וועלן פרובירן צו ענטפערן מיטן אויבערשטענ'ס הילף.

# אייער לאקשן איז שוין גרייט



## פיש און פלייש פעלט נאך

העלף אים מאכן סדר

גאנץ יו"ט $1800 | ליל הסדר $360 | סעודת יו"ט $180

רופט אריין מיט אייער נדבה
און זייט מחזק די עסקנים

**845.637.5367**

dimcreatives.co

## געדאנקען

# צוריסן די שיף קאַרטן

גוד מארנינג, דזשאועל ענד מאזעס אפלייענס קאמפאני, דהיס איז דזשאועל, האו קען איי העלפ יו טודעי?

האללאו?!

יעס, גוד מארנינג, דזשאועל ענד מאזעס אפלייענס קאמפאני, דהיס איז דזשאועל, האו קען איי העלפ יו טודעי?

וואס דזשאועל שמאועל?! רעד צו מיר נארמאל אידיש, דו וואגאבונד!

?What

דו ביסט דאך דעם אלטן מאשקאוויטשנ'ס אייניקל! פארוואס רעדסטו נישט צו מיר געהעריג?! וואס מאכסטעך נאריש מיט די דזשאועל אין קאפ אריין?! דו ביסטעך יואל משה'לע!!!!

אה, איר זענט דאס? פישי-באאטשי, אה, וואס מאכט איר עפעס?

איך געדענק דער דיין זיידן פון פעסטיהארטשיק, אין הודא-סמייטע בעצירק, הארט לעבן די בעסעראביע גרעינעץ!! מיר זענען זייער נאנט געוועזן!!

יא? וואס איז געווען די נאנטשאפט?

ווייל מיין באבע רחל זאל זיך מיען מיט דיין מומע, בלימקא-נעיני, האבן געוואשן וועש אין די זעלבע טייך, די טיסא-אויבערטשיפס טייך. די נאנטשאפט איז געווען אומגעהויער גרויס! (שטיקט זיך פון געוויין, ווישט זיך די נאז מיט א טונקל בלויע, קָאצקַאש'ע טאשנטיכל).

אזוי?



# משה ארי' שניצלער

דאס איז נאך גארנישט! מיר האבן געהאט נאך א נענטערע מחותנים'שאפט!

וואס?

דער פעטער שייע דער מילעכיגער, זיין באבע לעיקי זאל זיך מיען מיט דיין עלטער מומע חנ'טשעלע פון הוידא-קישקעלע, מ'האט איר גערופן די קישקעלע כאנטשעלע, זיי פלעגן ביידע הענגען די וועש מיטוואך אונטער די זעלבע זון!

זיי פלעגן הענגען מיטוואך?

יא, די וועש.

אה, די וועש.

יא.

וואס קען מען אייך העלפן?

דו האסט מיר פארקויפט זיבן און פופציג יאר צוריק דעם וועסטינגהויז דריייער?

יא.

ס'ארבעט נישט!

ס'הייסט?

ס'טוט נישט דעם דזשאב!

וועלכע דזשאב?

ס'באקט נישט קיין קוגל!

וויאזוי ווייסט איר אז ס'באקט נישט קיין קוגל?

כ'האב פרובירט!

וואס האט איר פרובירט?

באקן א קוגל!

וויאזוי האט איר פרובירט צו באקן א קוגל?

כ'האב אויסגעמישט די אייער מיט די קרומפלי, געזאלצן, און אריינגעלייגט אין דרייער.

אין דרייער?

יא.

אויף די וועש?

מיש דיך נישט אריין אין מיינע שמוציגע זאכן, מ'וואשט נישט קיין שמוציגע זאכן אין פובליק, דו מחוצף, אויסוואָרף, און דריי דיך נישט ארויס פון קער נעמען פון די פעלערהאפטע דרייער וואס דו האסט מיר פארקויפט! פשששששי די היינטיגע יונגווארג!!! ס'טע געזען אזאנס?!

די וואש מאשין ארבעט?

יא.

ס'טוט דעם דזשאב?

וועלכע דזשאב?

באקן קוגל.

כ'האב נישט אויספרובירט די וואש מאשין מיט באקן קוגל.

פארוואס די וואש מאשין נישט און די דרייער יא?

ווייל די וואש מאשין איז א טאַפּ לאודער, און אויב איך וועל זיך אריינבייגן צו לייגן די קוגל גאנץ אונטן, קען איך חלילה אריינפאלן! און דו וועסט מיר נישט קענען מער פרעגן איבער די היסטאריע פון טיסע-אויבערקארנטשיפס. יעצט דריי דיך נישט ארויס מיט זייטיגע שמועסעלער. העלף מיר אז מיין זעכציג יעריגער דרייער זאל טון דעם דזשאב.

וועלכע דזשאב?

באקן קוגל.

א דרייער איז נישט געמאכט צו באקן קוגל.

ס'הייסט?

אז איך וועל עס זאגן צוויי מאל וועט



איך בעסער זיין? א דרייער איז נישט געמאכט צו באקן קוגל. א דרייער איז נישט געמאכט צו באקן קוגל.

יעצט וועל איך עס זאגן פאר דיר, צדיק'ל, א ווייב איז נישט געמאכט צו הייסן זאכן. אז איך וועל עס זאגן צוויי מאל וועט דיר בעסער זיין? א ווייב איז נישט געמאכט צו הייסן זאכן. א ווייב איז נישט געמאכט צו הייסן זאכן.

א ווייב איז נישט געמאכט צו געבן באפעלן, צו שאפן, צו טענה'ן, צו מסביר זיין לאנגע גערעכטע הסברים, א ווייב איז נישט געמאכט צו זוכן חסרונות.

א ווייב איז געמאכט זיך צו באדאנקען פאר'ן וואשן מיינע שמוציגע שטרומפעלעך, זיך באדאנקען פאר קאכן עסן, זיך באדאנקען פאר אפווישן, אפוואשן, אפבאדן דעם קליינעם.

א ווייב איז געמאכט פאר שמירת עינים, אז מ'רעדט צו די ווייב מיט דרך ארץ, רואיג און איידל, איז עס גרינגער מיט שמירת עינים אויפ'ן גאס, אז מ'רעדט צו די ווייב מיט א רוגזה, מיט א באפעל, אז זי איז מיר שולדיג עפעס, איז גאר ביטער, די גאנצע שטוב ווערט א זויערע, טונקעלע, אפגעקילטע, מהיכי-תיתי'דיגע שטוב, מ'דרייט זיך ארום ווי א הונגעריגער וואלף און מ'קען זיך נישט קאנטראלירן די אויגן.

אבער ווען וועל איך זיין בעל הבית אינדערהיים? יעצט. יעדע מאל דו ווערסט זאגן "הייליגער באשעפער איך בין בטל צו דיר בתכלית הביטול, איך לאז זיך פירן פון באשעפער", ווערסטו זיין בעל הבית אינדערהיים. יעדע מאל דו ווערסט זיך עקשן'ען צו ווען אויספירן, ווערסטו ווערן א צובראכענער אויסגעשפילטער מענטש וואס יעדער איז אים שולדיג, און יעדער פייפט זיך אויס אויף אים. מ'קען דאס פאררעכטן, מאך יעצט א תפלה: "באשעפער איך בייזער זיך אויף מיר און אויף יעדן, וויאזוי, באשעפער גיי איך ארויס פון דעם? באשעפער, נאר דו קענסט מיר העלפן"!

> זי לעבט איין טאג און זי גייט אים אנלערנען, צופיקסן פאר זיבן יאר.

לאך נישט פון פישי באאטשי! ס'איז א צודרייטע זאך צו ווילן מאכן א קוגל אין א דרייער? ס'איז סאך מער צודרייט צו ווערן stuck מיט די ווייב אויף יעדע קליינע שטות. מוהרא"ש פלעגט צו זאגן: "זיי קלוג, זיי נישט גערעכט".

די גמרא זאגט אז א תנא האט געהערט א שמועס פון די פליג וואס הייסט "באקו", די פליג, זאגט די גמרא, לעבט נישט מער ווי איין טאג! און דער תנא הערט ווי זי זאגט פאר אים, אז זי איז ברוגז, זי גייט נישט רעדן מיט אים פאר זיבן יאר! ווייל ער האט גענומען בלוט פון א מענטש (אזוי ווי א מאסקיטא, וואס בייסט א מענטש און נעמט ארויס א טראפעלע בלוט, פון דעם לעבט די מאסקיטאו) און דו האסט מיך נישט גערופן צו דיין סעודה! איך רעד נישט מיט דיר פאר זיבן יאר!

זי לעבט איין טאג און זי גייט אים אנלערנען, צופיקסן פאר זיבן יאר, און נאכדעם וועט זי שוין זיין זיכער אז זי איז בעל הבית דא אין די "באקו" הויז געזונט... אזא פנים האבן מיר!

דער הייליגער רבי האט געהאט א תלמיד ר' חייקל, ער איז געווען פון די תלמידים וואס זענען געווען אביסל היימיש, ווען ס'איז געבוירן ביים רבי'ן א מיידל, האט דער רבי געווארט מיט'ן געבן א נאמען, שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן אז דער רבי האט געזען ברוח הקודש אז זיין מאמע גייט נפטר ווערן, דערפאר האט ער געווארט מיט'ן נאמען, אבער די ארומיגע האבן נישט געקענט פארשטיין פארוואס דער רבי ווארט (אזוי ווי יעדער ווייסט אז א צדיק פארשטייט מען נישט,

**רבינו הקדוש מ'סאטמאר זי"ע אויפן דעק פונעם שיף אויפן וועג קיין ארץ ישראל**



שפעטער זעט מען אז דער צדיק איז א מינוט'קעלע קלוגער ווי דו, א שאד זאלסט נישט נעמען דעם צדיק'ס שכל, ער זעט אלעס וואס דו זעסט, מיט א שמיצקעלע אריבער).

אזוי ווי ס'איז שוין אדורך א וואך צוויי און דער רבי געבט נאך נישט קיין נאמען פאר זיין פריש געבוירענע טאכטער, רופט זיך אן ר' חייקל צום רבין, רבי, מ'וועט שוין ווייטער האבן וואס צו רעדן אויף אונז (אז דאס נישט געבן א נאמען וועט אריינשפילן אין די הענט פון די מתנגדים וואס רעדן כל דבר אסור אויפ'ן רבי'ן, יעצט וועלן זיי האבן נאך וואס צו רעדן שלעכטס אויף אונז, אז מ'טוט מאדנע זאכן, מ'ווארט לאנג צו געבן א נאמען) דער רבי רופט זיך אן גלייך אויפ'ן פלאץ "זאל זי הייסן חי'".

דער רבי עקשן'ט זיך נישט אויף קיין שום פאל! אפילו ביי אזא וויכטיגע זאך ווי א נאמען! אפילו ער האט געוואוסט אז ער זעט אין הימל אז זי דארף הייסן נאך זיין מאמע וואס גייט נפטר ווערן! פחד פחדים וואס הייסט א צדיק לאזט זיך פירן!

ר' חייקל האט טאקע א נאמען געגעבן חי', און תיכף דערויף איז דעם רבינ'ס מאמע אוועק... ר' חייקל האט נישט געקענט קומען צו זיך פון עגמת נפש! ווילאנג נאך וועל איך זיך מישן אין דעם רבינ'ס ענינים?! דער רבי ווייסט דאך וואס ער טוט! פארוואס מיש איך מיך אריין!

מיטוואך כי תשא שנת תש"ח, שושן פורים איז געווען א וויכטיגער דאטום ביי רבינו הקדוש מ'סאטמאר, דער רבי האט ענדגילטיג מחליט געווען אז ער פארט יא צוריק קיין ארץ ישראל. ס'איז געווען א שווערע החלטה פאר'ן רבי'ן צו ער זאל בלייבן אין אמעריקע אדער צוריקפארן קיין ארץ ישראל. דער רבי האט אסאך געשמועסט דערפון מיט דעם גרויסן צדיק און חכם הרה"ג ר' מיכאל בער ווייסמאנדעל זכר צדיק לברכה. דער רבי איז געווען ר' מיכאל בער'ס גאסט אין נייטרא ישיבה אין די שטאט "סאממערוויל" אין ניו דזשערסי פון נאך פסח תש"ז ביז נאך שבועות יענעם יאר (ס'איז געווען א דערהויבענער שבועות דארט מיט'ן רבי'ן, א צאל נייטרא בחורים זענען יענעם שבועות געשלאפן אויפ'ן פעלד, אונטער'ן פרייען הימל, געבנדיג זייערע שטובער פאר חשוב'ע רבנים און תלמידי חכמים וועלכע זענען געקומען צו פארן זיין ביים רבי'ן אויף קבלת התורה). דער רבי פלעגט שמועסן אליינס מיט ר' מיכאל בער פאר שעות נאכאנאנד. ר' מיכאל בער איז געווען ביי דער דעה אז דער רבי מוז דא בלייבן פלאנצן די פשרה'לאזע אידישקייט אין אמעריקע, און נישט צוריק פארן קיין ארץ ישראל, דער רבי האט געזען מעלות און חסרונות אויף ביידע וועגן, ס'איז געווען א פארפלאנטערטע מבוכה.

די מציאות איז דער רבי האט מחליט געווען אז מ'פארט צוריק, מ'האט געקויפט טיקעטס אויפ'ן שיף וואס רייזט אפ מיטוואך כי תשא, שושן פורים.

עטליכע טעג בעפאר, האט ר' מיכאל בער ווייטער געשמועסט מיט'ן רבי'ן, פרובירנדיג משכנע זיין דעם רבי'ן דא צו בלייבן, רופט זיך אן דער גבאי, ר' יוסל, אז ס'איז שוין נישט דא וואס צו רעדן, ווייל ס'איז שוין לאחר המעשה, מ'האט שוין געקויפט די טיקעטס.

רופט זיך אן ר' מיכאל בער, צייגן זי מיר די בילעטן, ("ווייז מיר די טיקעטס", ר' מיכאל בער פלעגט רעדן מיט א דייטשיש'ן אידיש, שטאמענדיג פון אויבערלאנד), ר' יוסל ברענגט די טיקעטס, ר' מיכאל נעמט עס און קוקט דערויף, פלוצלונג ווערט די טיקעט צוריסן אויף קליינע שטיקלעך, ר' מיכאל בער האט עס צוריסן... גלייך דערויף האט דער רבי באשטימט זיין ענדגילטיגע החלטה אויף צו בלייבן דא... דאס איז די גרויסער נס וואס די אמעריקאנער יהדות החרדית דאנקט כסדר דעם אייבערשטן אויף דעם, אז דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אמעריקע און דא געלאזט דעם צדיק וואס האט מיט זיין עזות דדושה, און זיין לא תגורו מפני איש, אונז אלע געראטעוועט, אפילו אנהייב האט יעדער געלאכט פון אים.

א צדיק לאזט זיך פירן פון הימל. יעצט אז דער צדיק ר' מיכאל בער האט צוריסן די בילעטן נעם איך עס ווי א באפעל פון הימל אז איך בלייב דא.

און אויב איך זע אז באלד וועל איך האבן א צוריסענע שלום בית, וועל איך זיך איבערגעבן צום אייבערשטן, איך וועל זיין דער וואס איז מוותר, איך וועל זיין דער וואס גייט יעצט צוריק בויען די שלום בית, איי, זי איז נישט גערעכט?! אבער דער אייבערשטער איז גערעכט! דער אייבערשטער געבט פאר יעדן מענטש די בעסטע ווייב, און די בעסטע אלעס. איי, מ'קען פלאצן?! יא! אן משניות קען מען טאקע פלאצן, לאמיך שנעל ארויסנעמען מיין אלטע צוקנייטשטע צוריסענע משניות, אז איך זאל נישט האבן קיין צוקנייטשטע צוריסענע שלום בית.

**רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זי"ע**





# "מעשיות פון תפילה"

## יואליש קרויס - ביתר:

איך האב געדארפט האבן אן אישור צעטל פון די מדינה של גיהנם כדי צו קענען ווערן באצאלט ביי מיין ארבעט, די אפיס ווי איך ארבעט האט מיר געגעבן צוויי טעג צו עס ברענגען.

כדי צו באקומען די צעטל האב איך געדארפט קודם אריבערגיין עפעס אן אנדערע זאך וואס איך האב שוין אריין געשיקט דריי חדשים צוריק.

איך האב אנגעהויבן רופן און שרייבן אימעילס צו אלע אפיסעס, און קיינער האט מיר נישט געקענט העלפן ווייל דאס און ווייל יענס.

איך האב געשפירט ווי איך טאפ א וואנט וואס בויעט זיך שוין דריי חדשים און גארנישט רוקט זיך נישט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זאל מיר העלפן, איך האב געזאגט פארן אייבערשטן איך זע נישט אז עס רוקט זיך, לויט ווי עס זעט אויס גיי איך נישט באקומען באצאלט די חודש, עס איז נישט דא מיט וועמען צו רעדן, איז מיר נאר געבליבן צו רעדן צום אייבערשטן וואס ער ענטפערט אלעמאל אויך AFTER HOURS נאך די שעה'ן און אויך דארף מען נישטווארטן אין די ליין צו רעדן מיט אים, און נאר ער האט באמת א וועג וויאזוי צו העלפן.

אזוי אינמיטן התבודדות רופט מען מיך פון אפיס וואס איך האב שוין דארט אריינגעשיקט דריי חדשים צוריק מיינע צעטלעך, און זיי זאגן מיר אז די אנדערע אפיס האט געשיקט א מעסעדזש אז איך ווארט שוין זייער לאנג, זיי זאלן דאס שוין מסדר זיין, און זיי האבן עס נאר די מינוט געעפנט און גלייך מסדר געווען, אזוי איינאיינוועגס זאגט ער אז ער גייט מיך שוין אויך גלייך שיקן די וויכטיגע צעטל אז איך זאל נישט דארפן רופן צוריק צו די אנדערע אפיס.

ברוך השם אז אין א מינוט אהאלב איז געווארן מסודר זאכן וואס האט געווארט דריי חדשים.

## הערשל שניטצלער - קרית ברסלב:

איך האב מסדר געווען מיין בעסימענט פון אלע חפצים וואס ליגט שוין דארט א לאנגע צייט, איך האב ארויסגענומען פון דארט אסאך איבעריגע זאכן וואס איז שוין נישט אין באניץ, איך האב עס ארויסגעטראגן צום מיסט.

למעשה פון די אלע איבעריגע חפצים איז די גארבידזש געווארן איבערגעפילט מער ווי א געוועגליכע וואך, וואס דאס קען גורם זיין אז זיי זאלן נישט וועלן נעמען די גארבידזש, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן נעמען אלע גארבידזש און גארנישט איבערלאזן, שכח אייבערשטער אז זיי האבן אלעס גענומען.

## יואל קליין - ישיבת היכל הקודש ירושלים:

איך האב זייער שטארק געוואלט האבן א נייע מאנטל, אבער עס האט מיר אויסגעזען אז דאס גייט נישט אזוי שנעל פאסירן, פון וואו גיי איך האבן יעצט א נייע מאנטל?

איין טאג אינמיטן גיין הפצה האב איך געטראכט צו זיך פאוואס זאל איך נישט בעטן יעצט פונעם אייבערשטן פאר א נייע מאנטל, דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: וואס מיינסטו אז דער אייבערשטער קען דיר העלפן נאר ביז דארט וואו דיין מח טראכט אז ער קען דיר העלפן? דער אייבערשטער קען דיר העלפן אסאך מער וויפיל דיין מח קען פארנעמען. דאס האט מיר מעורר געווען און איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך דארף א נייע שיינע מאנטל, אזוי האב איך געבעטן און געבעטן.

איך האב געענדיגט הפצה און וואונדער איבער וואונדער א חבר פון היכל הקודש זאגט מיר אז ער האט א מאנטל פאר מיר.

# א בריוו

פון׳ם ראש ישיבה שליט״א



**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳ עֶטְלִיכֶע אִינְגְלֶעךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִי לַאנְגֶע שַׁבָּתִים - אַמָאל אִיז עֶס פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן אַמָאל שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, זוּכְן זֵיי מִיט וָואס זִיךְ אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן. עֶס קוּמֶען אַרוֹיס יֶעדֶע וָואךְ מַאגַאזִינֶען פוּן אוֹיסְגַאבֶּעס פוּן עֶרְלִיכֶע שְׁרַייבֶּער סְפֶּעצִיעֶל פַאר קִינְדֶער, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ עֶס אִיז גֶעזוּנְט אוּן אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער דִי אַלֶע סָארְט לֵיין מַאטְרִיַאל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ״ו נִיסָן, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז בֶּעסֶער נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם מַאגַאזִין; נִישְׁט קַיין נַפְקָא מִינָהּ וָואס פַאר אַ סָארְט.

עֶס אִיז דָא גֶענוּג וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער; אֲפִילוּ אִין דִי לַאנְגֶע שַׁבָּתִים אוּן לַאנְגֶע פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאגְס אִיז דָא וָואס מֶען קֶען טוּן מִיט זֵיי. צוּם בַּיישְׁפִּיל אַז דִי עֶלְטֶערְן לֵייגְן זִיךְ שְׁלָאפְן אִיז גוּט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ אַרָאפְּלֵייגְן, אַז דִי עֶלְטֶערְן שְׁמוּעֶסְן קֶענֶען דִי קִינְדֶער מִיט שְׁמוּעֶסְן, אַז מֶען גֵייט שְׁפַּאצִירְן נֶעמְט מֶען זֵיי מִיט אוֹיפְ׳ן שְׁפַּאצִיר וְכוּ׳, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְגְט שֵׁיין צוּזַאמֶען.

הַיינְט זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל **מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִיקִים** פַאר קִינְדֶער אִין אַלֶע יָארְגֶענְג; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ צוּ גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער צוּ לֵיינֶען, עֶנְדֶערְשׁ אוּן בֶּעסֶער וִוי זֵיי אָנְשְׁטָאפְּן מִיט דִי זַאכְן.

ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט זַיין גַאנְצֶע שֵׂכֶל נָאר פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּן צַדִיקִים; עֶר לֵיינְט נִישְׁט קַיין שׁוּם צַייטוּנְג אוּן מַאגַאזִין, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

# א שיחה

פון דֶער

ראש ישיבה שליט״א



## פסח׳דיג מאכן

**אין א שמועס ווענגן פסח׳דיג מאכן, האט דער ראש ישיבה געזאגט:** עס איז טאקע שווער יעצט פאר פסח מיט די גאנצע ווירטשאפט וואס ליגט אויף א פרוי, אבער פון הימל קוקט מען זיך צו צו די ארבעט וואס די פרויען ארבעטן און בזכות נשים צדקניות וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן פון דעם ביטער׳ן גלות.

אמאל איז א פרוי געקומען צום הייליגן סטייפלער גאון זכרונו לברכה און אים אנגעפרעגט נישט צו האבן קינדער, ווייל זי האט נישט קיין כח, האט דער סטייפלער גאון איר געזאגט: ״יעדער מענטש שרייבט מען אפ ראש השנה וויפיל כח ער וועט האבן און וויפיל ער זאל זיך מוטשען, אויב מען דריידט זיך ארויס פון די ארבעט פון קינדער, מיינט נישט אז מען דריידט זיך ארויס פון די פלאג, דעמאלט קומט אנדערע פלאג״; דאס זעלבע איז דא אויך, די וואס דרייען זיך ארויס פון פסח׳דיג מאכן מיינט נישט אז זיי דרייען זיך ארויס פון ארבעטן, ווייל עס קומט אנדערע שווערע ארבעט. מען דארף זיך פרייען אז די ארבעט און מי גייט אריין אין מצוות און אין גוטע זאכן. אין אנגרייטן פאר יום טוב און אין זיך באשעפטיגן מיט קינדער.

דער אריז״ל זאגט, אלע פלאג וואס מען פלאגט זיך אריינצוברענגען דעם יום טוב פסח, ווער רעדט נאך ווען מען שוויצט - איז דאס מבטל אלע קליפות וואס מיר האבן באשאפן מיטן פוגם זיין בברית רחמנא לצלן.

עס איז געווען ביי אונזערע לייט וואס זיי פלעגן זיך מתבודד זיין ביים פסח׳דיג מאכן, זיי פלעגן בעטן: ״רבונו של עולם ראטעווע מיך פון חמץ, ראטעווע מיך פון עבירות, איך וויל זיין אן ערליכער איד״.

וואויל איז דעם מענטש וואס לאזט זיך נישט נארן, ער נוצט אויס די טעג מיט תפלה והתבודדות; וועט ער זוכה זיין צו די קדושה פון פסח.



# א מַעֲשֶׂה פוּן א צַדִּיק

## וָואס עֶרְוַוארְט מֶען פוּן מִיר?!

בַּיים צַדִּיק רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזְבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי פֶּעטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פְלֶעגְט זַיין דִי מִנְהָג אַז נָאךְ יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה פְלֶעגְן דִי חֲסִידִים אַרַיינְגֵיין אוּן פְרֶעגְן בַּיים רֶבִּי'ן רֶבִּי בָּרוּכְ'ל וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן וָואס עֶנְטְפֶערְט מֶען אוֹיף דֶעם אוֹיבְן אִין הִימְל, דֶער צַדִּיק פְלֶעגְט פַאר יֶעדֶעם עֶנְטְפֶערְן פוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אוּן וָואס מֶען זָאגְט אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיף זַיינֶע בַּקָּשׁוֹת.

אֵיינְמָאל אִיז אַרַיין דִי וַואסֶער טְרֶעגֶער אוּן פְרֶעגְט "רֶבִּי, דֶערְצֵייל מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וָואס עֶנְטְפֶערְט מֶען אוֹיף דִי בַּקָּשׁוֹת"? הָאט רֶבִּי בָּרוּכְ'ל גוּט גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין פָּנִים, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן "דוּ הָאסְט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַז דוּ ווִילְסְט זִיצְן אִין שׁוּהל פוּן בַּייטָאג בִּיז בַּיינַאכְט אוּן זָאגְן תְּהִלִּים" הָאט דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער גֶעשָׁאקְלְט מִיטְן קָאפּ "יָא יָא דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן", אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ שְׁלֶעפְּן וַואסֶער, וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל זִיצְן אִין שׁוּהל אוּן זָאגְן תְּהִלִּים אָן קַיין שְׁטֶער".



הָאט זִיךְ רֶבִּי בָּרוּכְ'ל אָנְגֶערוּפְן, אָבֶער פוּן הִימְל הָאט מֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס דַארְף מֶען דִיר הָאבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיבְן אִין הִימְל מִילְיָאנֶען מַלְאָכִים מִיט אַ נְשָׁמָה אָן אַ גוּף, זֵיי שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין בַּאשֶׁעפֶער, זֶעעֶן אִים יֶעדֶער רֶגַע, עֶסְן נִישְׁט אוּן טְרִינְקֶען נִישְׁט, קַיין שׁוּם דַאֲגוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן חוֹבוֹת, בִּיזְנֶעס, פַּרְנָסָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר בַּאשַׁאפְן אוּן הָאט הַנָאָה דַוְקָא פוּן דַיין אַרְבֶּעט, דוּ גֵייסְט אַרוּם מִיט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, מִיט צְוֵויי אַמְפֶּערְס וַואסֶער, אוּן אִינְמִיטְן וֶועג הֵייבְּסְטוּ אָן וֵויינֶען, אוּן זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אוּן אַזוֹי גֵייסְטוּ וַוייטֶער מִיט דַיין אַמְפֶּערְס וַואסֶער, לֵייגְסְט עֶס אַרָאפּ אוּן זָאגְסְט נָאךְ אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, פוּן אַזַא אֵיינֶער הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַ גְרוֹיס נַחַת רוּחַ אוּן פַארְגֶענִיגְן".

אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַזוֹיפִיל יְסוּרִים, צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן נָאךְ אַלְץ לָאזְט עֶר אַלֶעס אָפּ, אוּן גֶעדֶענְקְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיז מִתְפַּלֵל אוּן רֶעדְט צוּ אִים, הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַ נַחַת רוּחַ פוּן אִים.

(שיחות מוהרא"ש חלק י"ג ערך סמ"ם)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס
# לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- ע"ב -

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אִיבֶּער עוֹלָם הַבָּא, און אִיבֶּער דֶעם וָואס מְ'זֶעט אֵיין צַדִיק קְרִיגְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן צַדִיק.

* * *

וֶוען סְ'אִיז דָא אַ שְׁוֶוערֶע דִין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, און סְ'קוּמְט אֵיינֶער און רוּפְט זִיךְ אָן, "אִיךְ וֶועל גֵיין נְקָמָה נֶעמֶען אִין אִים, אִיךְ וֶועל מַאכְן אַ דִין מִיט אִים", דוּרְךְ דֶעם שְׁטִילְט עֶר אַיין דִי אַנְדֶערֶע בַּעֲלֵי דִין וָואס זֶענֶען מְקַטְרֵג, וָואס וֶוען זֵיי וָואלְטְן זִיךְ וֶוען גֶענוּמֶען אוֹיף יֶענֶעמְ'ס בֵּיינֶער וָואלְט עֶס יֶענֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְטְרָאגְן, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער וָואס גֵייט נְקָמָה נֶעמֶען פוּן אִים, טוּט אִים גָאר אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה, וַוייל סְ'אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער פַאר אִים צוּ כַאפְּן נָאר פוּן אֵיינֶעם און נִישְׁט פוּן אַלֶע אִינְאֵיינֶעם.

אַזוֹי גֶעפִינֶען מִיר אוֹיךְ בַּיי פִּנְחָס בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן זִמְרִי בֶּן סָלוּא, וָואס וֶוען נִישְׁט פִּנְחָס וָואלְטְן אַלֶע אִידְן פַארְלֶענְדֶעט גֶעוָוארְן חַס וְשָׁלוֹם, נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס פִּנְחָס אִיז אַרוֹיס און הָאט מְקַנֵא גֶעוֶוען קִנְאַת ה', דוּרְךְ דֶעם אִיז אָפְּגֶעשְׁטִילְט גֶעוָוארְן דִי דִין פוּן אַלֶע אִידְן, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר כ"ה, י"א) **"בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם, וְלֹא כִלִּיתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקִנְאָתִי"**.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דֶעם וָואס גֵייט אַרוֹיס קְרִיגְן אוֹיפְ'ן צַדִיק, עֶר זָאגְט, "אִיךְ וֶועל זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן מַיין שְׁטַארְקֵייט, אִיךְ וֶועל נְקָמָה נֶעמֶען אִין אִים", מִיט דֶעם נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּנֶעם צַדִיק אַלֶע אַנְדֶערֶע דִינִים.

נָאךְ אַ טוֹבָה טוּט עֶר מִיט דֶעם פַארְ'ן צַדִיק, וַוייל דֶער צַדִיק דַארְף דָאךְ גֵיין כְּסֵדֶר הֶעכֶער און הֶעכֶער פוּן אֵיין דַרְגָא צוּם צְוֵוייטְן, און דַאן פְּרוּבִּירְט מֶען אִים אוֹיס אוֹיבּ עֶר הָאט דִי כּוֹחוֹת צוּ שְׁטֵיין אִין הֵיכַל הַמֶּלֶךְ, און דֶער הֵיכַל הַמֶּלֶךְ אִיז אַ בְּחִינָה פוּנֶעם מוֹיל פוּן צַדִיק וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן הֵיכָל, וָואס אִיז בְּגִימַטְרִיָא דֶעם שֵׁם א-ד-נ-י, וָואס אִיז מַלְכוּת בְּחִינַת פֶּה, וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (תִּקוּנֵי זֹהַר בְּהַקְדָמָה, י"ז) "מַלְכוּת פֶּה". און מִיט דֶעם וָואס אַ צַדִיק קְרִיגְט אוֹיף אִים, אִיז דָאס אַ נִסָיוֹן פַארְ'ן אַנְדֶערְן צַדִיק וָואס מְ'קְרִיגְט אוֹיף אִים, אוֹיבּ עֶר הָאט דִי כּוֹחוֹת צוּ קֶענֶען שְׁטֵיין אִין הֵיכַל הַמֶּלֶךְ, וָואס דָאס אִיז דִי מוֹיל פוּן דֶעם צַדִיק וָואס קְרִיגְט אוֹיף אִים, און דוּרְךְ דֶעם גֵייט עֶר הֶעכֶער און הֶעכֶער פוּן אֵיין דַרְגָא צוּם צְוֵוייטְן. קוּמְט אוֹיס אַז עֶר טוּט אִים גָאר אַ טוֹבָה מִיט דֶעם וָואס עֶר קְרִיגְט אוֹיף אִים

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעם מַאֲמָר (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמ"א) אַז וֶוען סְ'אִיז דָא דִינִים אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָא אַמָאל וָואס אֵיין צַדִיק קְרִיגְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן צַדִיק, מִיט דֶעם צִיל אַז דֶער מִדַת הַדִין זָאל זִיךְ אָפְּטוּן פוּן יֶענֶעם.

נָאכְדֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, הָאבְּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן דֶעם ז' און דֶעם רֶבִּי'ן.

סְ'הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיטְ'ן ז' אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, און דַאן אִיז דֶער ז' צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן און גֶעזָאגְט, "וִוי אַזוֹי קֶען דֶען זַיין אַז אַזַא אַלְטֶער אִיד וִוי מִיר, וָואס הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין צֵיין, זָאל פִירְן אַ מַחְלוֹקֶת?", און עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי פִינְגֶער פוּן רֶבִּי'ן און עֶס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זַיין מוֹיל און אִים גֶעוִויזְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צֵיינֶער.



און עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן, "אִיךְ ווִיל אַייךְ נָאר פְרֶעגְן אִיבֶּער עֶטְלִיכֶע זַאכְן וָואס אִיר הָאט גֶעזָאגְט. אִיז אֱמֶת אַז אִיר הָאט גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז דָא נָאךְ אַ זְלַאטִיפָּאלֶע אִין הִימְל?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "דָאס אִיז דָאךְ אַ בְּפֵירוּשֶׁ'ע מַאֲמַר חֲזַ"ל אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים א', כ"ח) "עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצוּרֹת בַּשָּׁמָיִם", אַז אַזוֹי וִוי סְ'אִיז דָא שְׁטֶעט אוּנְטְן, אִיז אוֹיךְ דָא שְׁטֶעט אוֹיבְן".

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "אִיז אֱמֶת אַז אִיר הָאט גֶעזָאגְט אַז אִין זְלַאטִיפָּאלֶע פַארְרֶעכְט אִיר דֶעם חֵטְא פוּן יָרָבְעָם בֶּן נְבָט?", הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעשְׁטִימְט, "אֱמֶת!", און עֶר הָאט אִים דַאן גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ס"ב וָואס רֶעדְט דָארְט פוּן דֶעם אַז דֶער תִּיקוּן אוֹיף דִי עֲבוֹדָה זָרָה וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט "אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל" (שְׁמוֹת ל"ב, ד'), אִיז דוּרְךְ "אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי יִשְׂרָאֵל" (בַּמִּדְבָּר י', כ"ח).

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# Pesach Schedule

## Delivery

| | | | |
|---|---|---|---|
| 19 פרייטאג מצורע | 20 מוצאי שבת מצורע | 21 זונטאג אחרי | 22 מאנטאג אחרי |
| open / delivery | open / delivery | open / delivery | CLOSED! NO DELIVERY |

Place your order today
845.747.0093

DELICIOUS FISH
Liberty, NY

# קלאסיפייד'ס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## דירה פאר פסח

הערליכע פרישע דירה מיט נייע אפלייענסעס און קיטשען, שטייט צו פארדינגען פאר קומענדיגן יום טוב פסח אויף האשקי גאס פאראינטערעסירטע ביטע רופט
845-248-3218

## סופר מוכר בודק

רופט נתנאל פארקאש
845-665-4889




## אויף דעם האט איר געווארט

מיר פארקויפן אלע ספרים פון רבי'ן, מוהרא"ש און דער ראש ישיבה, אין די געגענט פון בארא פארק, לעיקוואד והגלילות.
**פאר זייער גוטע פרייזן.**
רופט היינט
646-325-4144

## שריפת חלה

אין אפסטעיט ניו יארק.
אויך פיקן מיר אויף.
רופט היינט
347-585-9054

א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש
רופט לייבי ראטה - 347-578-4449






# פארוועם איז ער מפריע?!

ישראל דוד העסקעל

**אוי** יו יו הוא הוא יברך
אוי את את החתן
הוא יברך אאאהההההתתתת החתן
ואהההההאההתת ההההכלה...

יא די שמחה איז גרויס, איך שטיי אין די זייט ביי א משפחה חתונה, די חופה חזנות גייט עד לב השמים, און אט גייט דער אינגערמאן דארט אינדערזייט שוין ענדיגן דעם היינטיגן בית נצחי, ס'גייט א רויעך, יעדער איז פריילין...

טראך! מזל טוב! עוהוהוהדישמע בעהההרייייהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה נא וואו איז שוין מיין ווייב!!! מיר האבן אפגעשמועסט אז מיר גייען זיך טרעפן דא ביי די מחיצה 'גלייך' נאך די חופה...

ער שאקלט די פוס נערוועז, שוין געשיקט פיר קינדער רופן מאמי זאל קומען דעעי רררגע! א צייט איז א צייט, אן אפשמועס איז אן אפשמועס, באלד גיי איך דארפן זיצן ביי די סעודה נעבן די פאני קאזין, נאר דאס פעלט מיך אויס...

וואו איז זי שוין? זי דארף נעמען די בעיבי פון מיר, מזל טוב פאר די מחותנסטע קען זי זאגן א גאנצע נאכט, פונקט יעצט מוז זי



מיך אויפהאלטן??

נאאאאא רוף מאמי, זאג איר אויב קומט זי נישט דעעערגעעעעעעעע לאז איך איבער די בעיבי דא אויפן פלאר און איך גיי מיך וואשן, א מין וועלט?! אמאל וואלט דאס קיינמאל נישט פאסירט... איך האלט שוין מער נישט די בעיבי פאר איר קיינמאל, דאס איז זיכער!

ער דרייט זיך אויס, לייגט שנעל אן אויג אויף 'זיין' טיש, די פיקלס איז שוין היסטאריע... באלד נעמט איינער מיין פלאץ און איך קען מיך אדער דרייען אין זאל ווי א לא לנו, אדער וועל איך קענען עסן פרענטש פרייס מיט טשיקן נאגעטס ביי די קינדער טיש - בזיונות!!

פרויען אה... ווארפט ער א קרעכץ אין מיין דירעקציע שנארמאאאאל....

קוק אהער - זאג אים אים, איך בין בעצם

אן אלטער בחור מיט א פורפל אפגעשטויבטע היט וואס שמעקט פון שימל, אדער אין בעסטן פאל אן אפגעפליקטער גרויש וואס עסט יעדן שבת ביי א צווייטע וואוילע משפחה... איך בעצם דריי מיך יעצט אין זאל ווי א יָוָן אין די סוכה, איך האב נישט פאר וועמען צו ווארטן און קיינערווארט נישט אויף מיך, איך בין פון די וואס יעדער פעטער קומט געבן א קלאפ אין פלייצע און זאגט "אט אט", אט אט גייסטו שוין טרעפן די באשערטע. איינער קומט שוין מיט גאר שטארקע חיזוק זאגן אז ער האט געכאפט א שמועס מיט די חברה קדישא, זיי האבן אים געזאגט אז זיי באגראבן זייער ווייניג טליתים קטנים... נע צו וואס דארפסטו זארגן... דאס בין איך בעצם, אזוי וואלט עס ווען געקומען...

נאר ממש בדרך נס, חוץ לדרך הטבע האט דער רבונו של עולם אויף מיר רחמנות געהאט און מיך געשאנקען די שענסטע מתנה, א טייערע ווייב מיט לעכטיגע קינדער. איך דארף נישט קיין פיקלס, איך וועל גערן זיצן ביי די קינדער טיש און איך וועל ווארטן ביז מיין ווייב וועט זיין גרייט, ווייל איך בין א לאקי מעען - א לאטערי געווינער, מיין ווייב איז די חשוב'סטע וואס איך פארמאג, א מחי' איך דארף נישט ברעכן פון קארני דשאוקס וואס מען מאכט אויף די ווייב, איך דריי מיך נישט ווי איינער וואס ווארט די ערד אונטער אים זאל זיך שוין עפענען, ס'איז מיך גוט, איך בין אן אויסגעלייזטער מענטש!

אוי.. ביסט דאך אזוי גערעכט... אמאל דארף מען דאס הערן זיך דערמאנען צו אפרישיעטן און שעצן דאס וואס דער אייבערשטער געבט אונז חסדים.

נאכן ווארטן עטליכע מינוט זעמיר געגאנגען זיך וואשן צו די סעודת החתונה. ברוך השם געטראפן א פיינעם פלאץ צו זיצן, פיקלס בריווח, והכל על מקומו יבוא בשלום. דער קאזין זיצט אויף די אנדערע טיש מיט די עלטערע פעטערס, אלעס קלאפט...

מ'ברענגט ארויס די ערשטע קורס, מ'שמועסט וועגן דעם און יענעם. ביים צווייטן קורס האלט שוין די שמועס ביי טרייבן שפאס און ליצנות פון זייער אייגענע רבי פון זייער אייגענע חסידות וואו זיי 'באלאנגען'...

ביים דריטן קורס האט מען שוין געהאלטן נאכן דורכקייען אלע משפחה פאליטיק, מ'האט שוין גערעדט ביידן מיט טראמפ, אויך די רעיטס מיט די עקאנאמיע האט פארמאגט א אנזעבארע פלאץ אינעם שמועס, מ'איז שוין ארויס פאר א ציגארעטל און שוין צוריקגעקומען, אויך יעדער האט אנגעמערקט אז דער מחותן איז שוין מער ווייניגער ביים עד דלא ידע מצב, ער מאכט מיט יעדן א לחיים ווייל ס'איז זיין נאכט, שוין זאל יעדער טון וואס אים שמעקט... דער שוואגערס נייע איידעם איז שוין אויך געווען אויפן טיש, כ'מיין וואס איז די מעשה מיט אים? ער ווייסט נישט ווי אזוי מ'רעדט מיט איינעם וואס איז עלטער פון אים? איך האף נאר אז צו זיין ווייב רעדט ער נישט אזוי... ס'וועט זיך נישט גוט אויסלאזן, אלעס ווייל זיין טאטע האט אפאר דאלער, פארשטייסט?





יעצט האלט מען שוין אז מ'האט אלע שמועסן געענדיגט, מ'האט שוין יעדן דורכגעקייט, גוט געלאכט אויף אפאר דשאוקס, און גוט אנגעגעסן אויך, ס'קוקט נישט אויס ווי דער חתן קומט אריין פאר א צוואנציג מינוט, איינער לעקט די חלה ברעקלעך, איינער שפילט מיט זיין גאפל, א צווייטער זיצט און חלומט אויפן דאך, די געשמאקע ברידער פרובירן אפשר דאך צו ציען א שמועס און דא קומט ער...

דער חשובער מפיץ הב' חיים ישראל אפפעלבוים נרו יאיר שפאצירט אריין אין זאל מיט עזות דקדושה, אין זיין האנט ליגט א פעקל קונטרסים, ער איז אויף א מיסיע צוריקצוברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן, אויפלעבן אידישע הערצער מיט די זיסע עצות פון הייליגן רבי'ן.

ער גייט טיש נאך טיש, ס'דא א גאנצע זאל צו דעקן, ביז ענדליך קומט ער אן צו מיין טיש ווי איך בין געזעסן.

ער גייט ארום די טיש, כמעט קיינער מאכט זיך ניטאמאל וויסנדיג פון דעם מפיץ, איינער איז זיך שוין ענדליך יא מרחם, ציט ארויס א דאלער פון טאש, דער מפיץ פרעגט אים גראד 'אפשר קען איך אייך געבן א שיינעם מתנה א קונטרס?'

מעה, נא, ניין איך דארף נישט די זאכן, מיר איז גוט שכח, אבער נא בעסער האלט עס, איך ברויך עס נישט.

דער מפיץ גייט ווייטער רונדע דעם טיש ביז ער קומט אן צו מיר, איך האב זיך אנגעהויבן שפירן גאר פאטריאטיש, איך בין דאך א ברסלב'ער, און דא קומט א מפיץ, דאס איז דאך מיין זאך, פון מיין פלאץ. איך צי ארויס א צוואנציגער איך דערלאנג עס מיט ביידע הענט...

אפשר ווילט איר א מתנה א שיין ספר'ל?

אפשר?? זיכער!! דער מפיץ דערלאנגט מיר דעם קונטרס 'דערשרעק זיך נישט' איך באדאנק אים שיין, און ער איז שוין ביים נעקסטן טיש, ער איז דא פאר א מיסיע.

איך לייג אריין דעם ספר'ל אין בוזעם טאש - טראכטנדיג 'למעשה ווען גיי איך אנקומען צו דעם?' אבער דער עיקר האב איך געגעבן סופארט פארן מפיץ!

דער חתן איז שוין ענדליך דא, די עוד ישמע קנאקט א מחי', און יעצט איז שוין די רייע פון אונזער משפחה צו טאנצן אינדערמיט, ס'איז לוסטיג און לעבעדיג, אלע פעטערס שוין אפגעטאנצן, מיר מאכן אן אייגענעם רינג, יעדער איז אזוי פריילך, דער אלטער בחור טאנצט מיטן פעטערס מצה שטריימל... און די מוזיק רופט אויס "אין צוואנציג מינוט ארום וועט מען ווייטער טאנצן".

מעריב אינדרויסן, דעזערט באפפעי ביי די לינקע זייט, מ'דארף נישט כאפן ס'איז דא גענוג, אייז קרים מיט בראוני' און עפל שטרודל פאר יעדן...

די צייט רוקט זיך, און די מוזיק הייבט אן די צווייטע טאנץ אינטראו, די פלייץ פון בחורים לאזט וויסן אז איך קען יעצט שטיין און קוקן ביי די מוזיק, ווייל יעצט נעמען די בחורים איבער די זאל. די 'זיידע טאנץ' איז דערנאך, יעצט גייט מען האפקענען ווי ס'דארף צו זיין.

איך האלט שוין ביי די דריטן הקפה אינעם זאל, פון מיין זייט וואלט איך שוין לאנג אהיימגעגאנגען, נאר וואס זאל איך טון אז מ'האט איבערגעגעבן פארן בדחן פון מצוה טאנץ אז איך שטיי אויף יעדן טאג פרי גיין אין שול און איך בין קובע עיתים לתורה...

"באשעפער זיסער וואס טו איך דא יעצט, מיט וואס קען איך יעצט אנפילן די צייט". אזוי זיך דרייענדיג אהין און אהער כאפ איך זיך אז איך האב א קונטרס אין טאש... איך זעץ זיך ביי א ווינקל, איך נעם ארויס דעם קונטרס איך הייב אן שלינגען מיט דארש איין בלאט נאכן צווייטן, גלוי השם, דער אייבערשטער איז דא, ער האט מיך ליב,



אלעס איז דער אייבערשטער, איך קען אויך זוכה זיין צו ווערן אן ערליכער איד. איך האב פארגעסן וואו איך בין בכלל, איך האב אזוי אנגעהויבן צו תשובה טון, איך האב שיעור אנגעהויבן צו וויינען, ביז איך כאפ זיך אז איך זיין דא אינמיטן א חתונה זאל...

באשעפער אין הימל, דא איז פריער ארומגעגאנגען א מפיץ און פארטיילט 'אייבערשטער', פארטיילט 'עצות און חיזוק פאר יעדן איד אין יעדן מצב', דעם רבינ'ס עצות קען דאך יעדן העלפן מיט אלעס, אבער קיינער וויל נישט, ס'איז מיר גוט, איך וויל בלייבן אין מיין סביבה וועמען איך האב פריער בארעדט... און חלילה וועל איך נישט נעמען די ברסלב'ע זאכן...

הלוואי קען איך ווען נעמען דעם קונטרס און עס דיר פארליינען, די הארץ וואלט דיר צוגאנגען, אלע חכמות המדמות וואלטן ארויסגעפלויגן פון פענסטער, דו וואלסט זיך צוריקגעקערט צום אייבערשטן, אוי ווי לעכטיג!

דאן האב איך מיר געגעבן א כאפ אז דער מפיץ האט גאר מיר געמיינט, ער האט מיר געדארפט פון פריש מקרב זיין צום אייבערשטן, אויפוועקן מיין הארץ צו תשובה טון.

דער ראש ישיבה זאגט כסדר פאר די מפיצים זיי זאלן גיין הפצה צווישן אנשי שלומינו, ס'איז אבער גאר אנדערש ווען מ'שפירט עס ווי איך זיין דארט אין ווינקל ביים חתונה זאל, און איך ווער פון פריש מקורב צום רבי'ן, פון יעצט גיי איך שוין טאקע זיין גוט, פון יעצט גיי איך שוין באמת רעדן שיין, אוי די זיסע טעם!

ביים פאנעל שבת התוועדות האט מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו געפרעגט פונעם ראש ישיבה ווי אזוי קען זיין אז איינער לערנט 'עצתו אמונה' און ער שפירט ווי זיין הארץ צוגייט אים - ער ווערט אן ערליכער איד פון יעצט, ער שפירט ווי דער אייבערשטער איז מיט אים, און גייט אים שוין קיינמאל נישט פארלאזן, און א צווייטער קוקט און זעט גארנישט! יא, שיינע בריוון, עס איז פשוטע זאכן אבער ס'רירט אים אפילו נישט אן!

דער ראש ישיבה האט געענטפערט "סוד ה' ליראיו! איך האב די זעלבע קשיא" דער ראש ישיבה געזאגט "איך עפן אן אשר בנחל און די הארץ גייט מיך אויס צום אייבערשטן, און דא פרעגט א קרוב משפחה אן ערליכער איד מיט אלע הידורים וואס זעה איך דא? עס איז א שיינע בריוו אבער פשוטע זאכן!"

די שאלה פארמאגט נישט קיין תשובה האט דער ראש ישיבה געזאגט, אזוי פירט דער אייבערשטער די וועלט.

וואויל און לעכטיג איז פאר אונז אז מיר האבן יא זוכה געווען צו קענען שפירן דעם זיסן טעם וואס דער רבי' געבט, שכח אייבערשטער אז איך קען זיין אין היכל הקודש און לעבן מיט דער רבינ'ס עצות, שכח אייבערשטער אז איך קען לערנען עצתו אמונה און נאכאמאל תשובה טון און נאכאמאל ווערן אן ערליכער איד פון יעצט.

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו**

# כל דצריך...



# $150,000

## מיר מוזן דאס יאר שאפן לכל הפחות

**מיר ווענדן זיך צום ברייטן ציבור אנ"ש:** העלפט אונז ארויס אין די הייליגע קריטישע ארבעט! און בשכר זה זאל אייך דער רבוש"ע אייך באשערן מיט עושר ואושר, אך טוב וחסד כל ימי חייכם, איר זאלט זיך שטענדיג געפינען אויפן צד הנותן און קיינמאל נישט דארפן צוקומען לידי מתנת בשר ודם. מיר זאלן זוכה זיין צו זיצן אינאיינעם, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים בירושלים הבנויה. **השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל.**

**גאנץ יו"ט $1800** | **ליל הסדר $360** | **סעודת יו"ט $180**

רופט אריין מיט אייער נדבה
און זייט מחזק די עסקנים

**845.637.5367**

WALK IN OUR SHOES

sruliheskel@gmail.com

# Step into *better quality*

Come check out our massive selection of the finest footwear for men and children. Our experienced fitters look forward to greeting you.



מיר וואונטשן אייך א
כשר'ן און פרייליכן פסח

UPPER SHOES

EST 2023

73 Huschke Rd, Liberty, NY 12747

845.662.8423 יואל וועבערמאן

# מלמדים קאמפ

שט

### הרב יעקב יאקאבאוויטש שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | בנימין פאללמאן $1000 | משה גאטליב $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | מענדי באלאבאן $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| $500 יודא לייב ווייס | $500 אליעזר שמן | $500 אשר לעמל זוסמאן |

### הרב אהרן לונגער שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | ישראל דוד העסקעל $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | מענדי באלאבאן $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| $500 | $500 אליעזר שמן | $500 יצחק רוטנער |

### הרב בערל שניטצלער שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | אליעזר שטראוס $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | מענדי באלאבאן $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| $500 זלמן לייב מייזלס | $500 אליעזר שמן | $500 אברהם ראטענבערג |

### הרב אשר קרויס שליט"א

$18,500

$5000 שלמה זלמן גלאנשטיין

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | בניהו אונגאר $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | מענדי באלאבאן $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| $500 | $500 אליעזר שמן | $500 משה לייב ניימאן |

## וויליאמסבורג

### הרב יעקב איידליס שליט"א

$18,500

$5000 שמעון לעווי

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| $500 | $500 | $500 שלמה פאלאטשעק |

### הרב נחמן ניישטיין שליט"א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | לע"נ ר' ישעי בן ר' משה $1000 | שמעון גאנצפרייעד $1000 | אליעזר שטראוס $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| $500 | $500 בנימין וויילדי | $500 מאיר רייניץ |

### הרב ישעי' איידליס שליט"א

$18,500

$5000 אשר לעווי

| | | | |
|---|---|---|---|
| שמעון גאנצפריעד $1000 | אלי ציג $1000 | פייוול ראזענוואסער $1000 | פייוול ראזענוואסער $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | לע"נ ר' ישעי בן ר' משה $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| $500 מרדכי ראזענפעלד | $500 פייוול ראזענוואסער | $500 יחזקאל פריעדמאן |

### הרב דוד פוקס שליט"א

$18,500

$5000 מנשה איצקאוויטש

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | שמעון גאנצפריעד $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| $500 | $500 | $500 דוד טשינאגל |

# יין פסח תשפ״ד

עטל

## הרב יואל משה פליישמאן שליט״א

$18,500

$5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| אליעזר שטראוס $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| מענדי באלאבאן $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| אליעזר שטראוס $500 | אליעזר שמן $500 | $500 |

## הרב הערשל שניטצלער שליט״א

$18,500

מרדכי הלוי היימליך $5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| מענדי באלאבאן $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| עלי מזרחי $500 | אליעזר שמן $500 | $500 |

## הרב נחמן נתן קרויס שליט״א

$18,500

הערשי זאבעל $5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| מענדי באלאבאן $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| $500 | אליעזר שמן $500 | $500 |

## הרב יחזקאל סאמעט שליט״א

$18,500

מנשה איצקאוויטש $5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| בניהו אונגאר $1000 | יוסף וויים $1000 | שמואל לייב פעלבערבוים $1000 | שלמה אפעלדארפער $1000 |
| מענדי באלאבאן $1000 | סיני אייזקאוויטש $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| אייזיק אפפעל $500 | אליעזר שמן $500 | $500 |

קרית יואל

ישיבה קטנה

מנהל

## הרב יואל טייטלבוים שליט״א

$18,500

הנדבן החשוב $5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| הנדבן החשוב $1000 | הנדבן החשוב $1000 | הנדבן החשוב $1000 | הנדבן החשוב $1000 |
| הנדבן החשוב $1000 | יעקב דוב כהן $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| יצחק יונה זאבעל $500 | יעקב דוב כהן $500 | $500 |

## הרב לוי יצחק ווערטהיימער שליט״א

$18,500

הנדבן החשוב $5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| הנדבן החשוב $1000 | הנדבן החשוב $1000 | הנדבן החשוב $1000 | הנדבן החשוב $1000 |
| הנדבן החשוב $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| יצחק אייזיק ראזענבוים $500 | $500 | $500 |

## הרב יוסף שניטצלער שליט״א

$18,500

אברהם טיקאלסקי $5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| לייבי ליבערמאן $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| מענדי באלאבאן $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| לייבי ליבערמאן $500 | אליעזר שמן $500 | שלמה אפעלדארפער $500 |

## הרב מרדכי אינדיג שליט״א

$18,500

אברהם טיקאלסקי $5000

| | | | |
|---|---|---|---|
| לייבי ליבערמאן $1000 | יעקב קרויס $1000 | זאב סטרולאוויטש $1000 | $1000 |
| מענדי באלאבאן $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |
| $1000 | $1000 | $1000 | $1000 |

| | | |
|---|---|---|
| ארי ניימאן $500 | אליעזר שמן $500 | $500 |




## א גמס פון

# בני ברק

א שמועס מיט מו"ה משה רעכניצער הי"ו גבאי היכל הקודש בני ברק, וואס פארציילט וויאזוי א משגיח אין ישיבה האט אים מקרב געווען צום ראש ישיבה שליט"א, און נאך אינטערסאנטע עפיזאדן.





**א גוטן ר’ משה, קודם שטעלט אייך פָאר פַאר די לייענער ווער איר זענט און ווי אזוי איר זענט מקורב געווארן צום הייליגן רבי’ן?**

א גוט יאר, איך הייס משה שמעון רעכניצער, איך וואוין אין בני ברק, איך בין איינע פון די גבאים דאהי’ אין בית המדרש היכל הקודש, אויך בין איך א מפיץ און אסאך שטעט דא אין ארץ ישראל, מיין פרנסה היינט צוטאגס איז הפצה.

שכח אייבערשטער אז דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט און מיר מקרב געווען צום רבי’ן אויף אזא וואונדערליכע וועג, איך וויס נישט פארוואס דער אייבערשטער האט מיר דווקא אויסגעקליבן פון אזויפיל מענטשן און מיר געברענגט צו אזא גרויסע רבי.

לאמיר דיר פארציילן דברים כהווייתן; געווען איז דאס אין ישיבה קטנה שיעור ג’, איך בין געווען א געהעריגע מציון בחור... איין גרינעם דינסטאג רופט מיר דער משגיח אריין אין אפיס און ער הייסט מיר איבערגעבן מיין סענסע / מוזיק מאשין וואס איך האב, עס האט אים נישט געפאלן די מוזיק וואס איך האב געהאט דארט - גראדע פון א היימישער זינגער פון אמעריקע - און ער האט אויסגעמעקט אלע מוזיק פון דעם מאשין, און ארויפגעלייגט נאר מוזיק פון א ריינערע קאליבאר, נו זאל זיין אזוי.

אזוי מישנדיג צווישן די נייע ניגונים וואס ער האט ארויפגעלייגט, טרעף איך א סידי מיטן נאמען ’הארציגע גראמען #2’ אזעלכע שיינע ניגונים, עס האט מיר זייער געצויגן צו הערן נאך פון דעם זינגער, בין איך צוגעגאנגען צו דעם משגיח און געפרעגט ווער איז דער זינגער פון דעם סידי וואס רעדט אזוי פון תכלית, און וואו קען מען באקומען נאך פון זיינע סחורה, האט ער מיר געזאגט אז דער זינגער איז א ראש ישיבה פון אמעריקע און ער געבט אויך דרשות. דער משגיח האט מיר טאקע צוליב געטון און ארויפגעלייגט נאך סידי’ס פונעם ראש ישיבה.

איך בין געווארן מורא’דיג אנטציקט פון דער ראש ישיבה’ס דיבורים, עס האט מיר זייער אויפגעפלאמט מיין הארץ צום אייבערשטן, אויך האט מיר זייער געכאפט די סדר דרך הלימוד וואס איך האב געהערט ביי די דרשות





אויפן מאשין. איך האב אנגעהויבן לערנען אויפן רבינ'ס זיסע וועג פון לערנען אפילו און פארשטיין, איך האב מיר געמאכט שיעורים אין משניות און גמרא, אזוי אויך שיעורים בכל חדרי התורה. איך האב אנגעהויבן פשוט צו לעבן מיטן אייבערשטן, רעדן צום אייבערשטן, זיך אויסשמועסן מיטן אייבערשטן אלעס וואס עס ליגט מיר אויפן הארץ, און פאלגן די אלע זיסע עצות פון הייליגן רבי'ן אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז.

**זייער אינטערעסאנט צו הערן. וויאזוי איז געווען מיט אייערע חברים און די סביבה ארום אייך, זיי האבן אייך גארנישט געזאגט עפעס א שלעכטווארט וועגן דעם נייעם מהלך וואס איר האט גענומען?**

יא! אלעס איז געפארן זייער נארמאל און רואיג, ביז איך אנגעהויבן טון אין הפצה, איך האב אנגעהויבן שטילערהייט צו געבן פאר מיינע חברים - בחורים און אינגעלייט, צו הערן די גוואלדיגע שיעורים און ניגונים פונעם ראש ישיבה שליט"א, דעמאלט האט מען מיר אנגעהויבן מאכן אביסל שוועריקייטן, אבער מען איז ברוך השם אלעס דורך, ווייל אז מען ווייסט וואס מען פארמאגט, ווערט מען שוין נישט דערשראקן פאר גארנישט אין די וועלט.

**לאמיר אריבערגיין צום שיינעם ווינקל וואס איר האט אין אייער שטאט, די שטאט בני ברק איז דאך באקאנט פאר אן עיר התורה וחסידות פון צענדליגע טויזענטע היימישע משפחות, ווי אזוי האט דאס באשיידענע ווינקל 'בית המדרש היכל הקודש ברסלב' אין בני ברק אזוי שיין מצליח געווען?**

דאס אז די חבורה איז אזוי שיין מצליח איז נאר ווייל עס איז דא אינגעלייט וואס זענען גרייט ביז מסירת נפש פאר די קיום פונעם חבורה.

נאך מיין חתונה האב איך געהאט א געהעריגע ארבעט. איך בין געווען איינגעשטעלט אין א תלמוד תורה דא אין שטאט, איך בין נישט געפארן אויף אומאן ווייל איך האב מורא געהאט אז מ'וועט זיך דערוויסן אז איך האב שייכות מיט ברסלב, פאר ראש השנה תשפ"ב זענען איינע פון די בחורים וואס איך האב זיי מקרב געווען צום רבי'ן געפארן אויף אומאן, עס האט געמאכט א גרויסע רעש און א טומל, מען האט זיך דערוויסט אז איך בין דער וואס שטייט אונטער דעם, און וועגן דעם האט מען מיר אנגעמאכט געפערליכע בזיונות.

אבער די שפיץ איז געווען שמחת תורה ביי די הקפות ווי מען האט מיר געגעבן גוטע קלעפ, נאר פאר דעם חטא פון מקרב זיין בחורים צום הייליגן רבי'ן און זיי ברענגען אויף אומאן. מען האט מיר אויך שפעטער אפגעזאגט פון די ארבעט וועגן די איינע סיבה, דער ראש ישיבה האט מיר דאן געשריבן א בריוו מיט גוואלדיגע התחזקות, דער ראש ישיבה האט געשריבן: "וואויל איז דיר אז מען האט דיר אפגעזאגט פון דיין אמט צוליב דעם אז דו ביסט א ברסלב'ער




און נישט חס ושלום צוליב שלעכטע זאכן. מען הערט אזויפיל מעשיות פון תלמוד תורה'ס און ישיבות וואו מען ווארפט ארויס איינגעשטעלטע צוליב עבירות, אבער דיין גאנצע חטא איז אז דו ביסט א ברסלב'ער. איך בעט דיר זייער, בלייב שטארק און זיי ממשיך נאך מער צו פארשפרייטן די הייליגע קונטרסים, ספרים און גליונות. דאס אלעס וואס דו גייסט אריבער, אנגעהויבן מיט די קלעפ שמחת תורה און די פרנסה וואס מען האט דיר מקפח געווען און די אלע בזיונות און שפיכת דמים - דאס וועט דיר נאר ברענגען נענטער צום אייבערשטן".

דער ראש ישיבה האט מיר אויך גערופן בעטן אז איך זאל איינזאמלען די חבורה פון בני ברק - וואס ביז דאן איז מען זיך נאר צוזאמגעקומען ביי שלוש סעודות - ווייל דער ראש ישיבה וויל רעדן אפאר ווערטער פאר אלעמען, דער ראש ישיבה האט דאן געגעבן א שיעור דורכן טעלעפאן, און דער ראש ישיבה האט בשעת מעשה געגרינדעט דעם הערליכן ווינקל "בית המדרש היכל הקודש ברסלב - בני ברק".

דא ציטירן מיר אייך דעם שיעור וואס דער ראש ישיבה האט געגעבן דורכן טעלעפאן מיטוואך וישלח י"ג כסלו תשפ"ב, וואס מיט דעם האט זיך געגרינדעט דאס בית המדרש ווי פריער ערוועהנט - פארעפענטליכט צום ערשטן מאל:

*"שלום עליכם מיינע טייערע חברים! איך פריי מיך זייער אז מ'נעמט זיך צוזאם א חבורה, זיך מחי' זיין מיטן רבי'נס עצות*

*מדארף אסאך געבן חיזוק פאר 'משה', משה האט מען היינט אפגעזאגט פון זיין פרנסה ווייל ער איז א ברסלב'ער, זיי זאגן אים אז ער איז א פארכאפער, און וועגן דעם האט מען אים אוועקגענומען זיין פרנסה, "איך זע עפעס גרויסע זאכן טוט זיך אפ מיט דעם משה*



רעכניצער"

ברוך השם! איך זע ס'איז געקומען די צייט צו עפענען א בית המדרש! ווייל נאר אזוי קען מען עפענען א בית המדרש אז עס איז דא אינגעלייט מיט מסירת נפש

דער אייבערשטער זאל אפהיטן וואס עס טוט זיך אפ אין מוסדות'ער, עס דרייען זיך ארום מנוולים, עס דרייען זיך ארום פארברעכער'ס 'ואין פוצה פה ומצפצף'

פלוצלונג קומט אן א אינגערמאן, וואס האט אביסעלע חיות פון ברסלב, פון רבי'ן, און דאס איז זיין גאנצע פראבלעם, אים דארף מען פארשיקן? איז א סימן אז ער טוט גרויסע זאכן..

איך וויל ענק זאגן אז ביי מיר איז אויך אזוי געווען, ווען איך בין אדורכגעגאנגען מיינע שוועריקייטן יארן צוריק, פלעגט מוהרא"ש מיר זאגן "אז איך הער אויף דיר א קול הברה - א ווידער קול, ווייס איך אז דו ביסט פון די קדושה, ווייל דער רבי זאגט ווי עס איז דא א קול דקדושה דארט איז דא קול הברה". אזוי איז דאס, אז מען ווארפט אריין א שטיין אין וואלד ווי אזוי ווייסט מען אז די שטיין איז געלונגען אויף א הינט? אז מען הערט די הינט בילן... סתם אזוי אז דו ווארפסט א שטיין אין א וואלד, הערסטו דאך גארנישט□ אז מען הערט א קול הברה א ווידער קול, דעמאלט איז א סימן אז ס'איז דא א קול דקדושה

מען דארף זיך מורא'דיג מחזק זיין, יעדער איינער זאל לערנען ווייטער זיינע שיעורים; אויפן סדר דרך הלימוד, אביסל חומש, אביסל משניות, אביסל גמרא, ועל כולם לערנען אביסעלע דעם רבי'נס ספרים. דעם רבי'נס ספרים זענען מורא'דיג מחיה און מחזק. און דער עיקר! זיך מתבודד זיין מיטן אייבערשטן און בעטן דעם אייבערשטן יעדע זאך וואס מ'דארף, אויף פשוט פראסט אידיש

איך וויל ענק שרייבן א בריוו יעדע וואך, איך קום פשוט נישט אן. קען מען נעמען דעם קונטרס 'עצתו אמונה', אלע בריוון וואס איך שרייב אין דעם קונטרס איז פאר יעדן איינעם פריוואט, זאל מען זיך מיט דעם מחי' און מחזק זיין

איך פריי זיך זייער צו הערן גוטע גריסן פון יעדע בריוו וואס איך באקום פון בני ברק, מ'דארף זיך מורא'דיג מחזק זיין

ראש השנה האב איך געפרעגט, ווי איז משה? פארוואס איז משה רעכניצער נישט געקומען?! זעסטו שוין... מ'וויל געפעלן דעם, מ'וויל געפעלן יענעם, עס איז נישט דא וועמען צו געפעלן..

איך ווינטש דיר אן אז דו זאלסט האבן אסאך א בעסערע פרנסה! איך האב אסאך מעשיות געהאט אין די זעכצן יאר וואס איך בין מקורב, האב איך געזען ווי מען האט אוועק געשיקט אינגעלייט פון זייער פרנסה, און זיי האבן מער מצליח געווען... מ'דארף נישט צובראכן ווערן

משה, זאג פאר די אינגעלייט וואס האב איך דיר פריער געזאגט אויפן טעלעפאן... אז אויב דו מיט דיין ווייב וועלן זיין שטארק אינאיינעם, וועט ענק קיינער נישט קענען צוברעכן! אבער אויב מ'וועט זיך אנהייבן נישט






*פארשטייען צווישן ענק דעמאלט איז א צרה... אויב ענק וועלן זיך ליב האבן, וועט קיינער ענק נישט קענען צוברעכן! זייט געזונט און שטארק! אסאך הצלחה! דער אייבערשטער זאל ענק העלפן אז ענק זאלן זיך מורא'דיג שטארקן."*

**דאס איז זייער שטארק. לאמיר אריבערגיין צו די נושא פון מוסדות החינוך, ווי מיר ווייסן האט זיך נישט לאנג צוריק געעפענט א תלמוד תורה היכל הקודש אין בני ברק, וואס קענט איר פארציילן איבער דעם?**

שכח אייבערשטער אז דער ראש ישיבה האט געגרינדעט אין בני ברק אזעלכע שיינע מוסדות, עס איז ברוך ה' דא א הערליכע תלמוד תורה ווי עס בליעט לשם ולתפארת, דער מלמד איז מו"ה אבא חייא רייזמאן הי"ו ער זיצט מיט קינדער און לערנט מיט זיי די הייליגע תורה, א בית פיגא שולע איז ביזדערווייל נאכנישט דא, אבער עס איז אין פלאן אויף גאר בקרוב מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

**עס קומען אויך אריין אידן פון די ליטווישע קרייזן דאווענען אין בית המדרש?**

דער בית המדרש איז אויסגעשטעלט אויף א חסיד'ישע שטייגער, אבער פון רבי'נס קוואל טרינקען אלע, עס קומען כסדר אריין אידן פון די תורה וועלט נעמען די ספרים און קונטריסים.

דער הייליגער רבי האט דאך זייער געוואלט אז ברסלב'ע חסידות זאל האבן דאס גוטס פון ביידע, די עבודת התפילה מיט'ן חסיד'ישן ברען, און מעו זאל פלייסיג לערנען מיטן ליטווישן פלאם, דארף מען זען צו מקיים זיין ביידע און מקרב זיין ביידע.

**איר זענט באקאנט אלס א גרויסע מפיץ וואס זענען אייערע פעולות פאר הפצה?**

עס איז מיר איינגעפאלן אפאר יאר צוריק א געוואלדיגער געדאנק פאר הפצה, איך נעם ארויס געוויסע בריוון פון 'עצתו אמונה', און איך שטעל זיי צוזאם אין א קונטרס, עטליכע בריוון וואס רעדט זיך פון אלע נושאים, ברוך ה' אז דאס גייט עפעס ספעציעל גוט, און הלוואי זאל מען דאס נאכמאכן און אמעריקע אויך. היינט אליין ווען די שירות ווערן געשריבן איז אנגעקומען פון די פרינטינג קאמפאני די באשטעלטע צוואנציג טויזנט פרישע קונטרסים פון די צוזאמגעשטעלטע עצתו אמונה וואס איך האב ביי זיי באשטעלט. אויך מאך איך קארטלעך מיט די היזיגע האטליין נומער, אזוי אויך קארטלעך. אויך איז געווען נישט לאנג צוריק די בחירות דא אין לאנד, אידן אין אלע שטעט אין ארץ ישראל און די סלאגאן פון איינע פון די פארטייען אין בני ברק איז געווען "יש עם מי לדבר" האב איך עס נאכגעמאכט אויף א גוטע וועג און געמאכט קארטלעך מיט דעם זעלבן סלאגאן און אפילו מיט די זעלבע גראפיקס, עס איז ברוך ה' געווען זייער א שטארקע זאך, מען טוט וואס מען קען נאר כדי אז דעם רבי'נס עצות זאל אריינגיין אין די וועלט.

**זינט די מצב המלחמה אין ארץ ישראל איז הפצה געווארן גרינגער? דער עולם נעמט מער?**

איך ווייס נישט פון וועלכע מלחמה דו רעדסט, דא איז געווען א מלחמה אפשר איין חודש, דער עולם דאהי וואס הערט נישט קיין נייעס ווייסט אפילו נישט פון א מלחמה צו זאגן, דער מצב איז העכסט רואיג פאר די וואס הערן נישט די נייעס. יעצט קאכט דער עולם איבער די בחירות וואס איז פארגעגאנגען, ברוך ה' אז איך איך גיי נישט צו די בחירות ווייל אזוי שרייבט דער ראש ישיבה אין 'עצתו אמונה', אבער אמאל פלעג איך יא גיין צו די בחירות, און טאנצן 'לעשות נחת רוח' אבער איך האב מיר אינגאנצן אפגעשאקעלט פון דעם אדאנק דער ראש ישיבה שליט"א.

**צום שלוס, וואס וואלט איר געוואלט איבערגעבן פאר די חשובע ליינער?**

איך וויל איבערגעבן פאר די טייערע ליינער אז מען זאל זען צו פאלגן דער ראש ישיבה, און אויב מען קען נאכנישט אלעס פאלגן זאל מען בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם, ווייל דער ראש ישיבה רעדט דאך אזעלכע קלוגע נוצבארע עצות, עס איז ממש א שאד נישט צו מקיים זיין, און מען דארף זיך זייער פרייען מיט אונזער התקרבות צום רבי'ן, אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו.

**א גרויסן יישר כח פארן אוועקגעבן פון אייער טייערע צייט דער אייבערשטער זאל אייך בענטשן מיט אסאך הצלחה און א חג כשר ושמח.**

אמן.





מיר העלפן ארויס משפחות פון
אנשי שלומינו וואס דארפן
צוקומען צו הילף א גאנץ יאר
בדרך כבוד מיט לעקטער,
הייצונג, רענט / מארגעדש,
עסן, קליידונג, און נאך אסאך.

---

**יצעט פאר פסח וועט מען**
**בעזרת השם אויסטיילן אסאך**
**געלט פאר משפחות און אויך**
**וועלן מיר אי"ה צושטעלן 50%**
**off ביי די שיך סטאר און די**
**דריי גודס סטאר דא אין שטעטל**
**פאר משפחות וואס ס'איז זיי**
**שווער צו צאלן דעם פולן פרייז.**

**מיר טיילן**
**געלט אן קיין**
**נאמען און אן**
**קיין לאגא.**

# טייערע ברודער

**עפנט אייך אייערע הערצער און העלפט ארויס**
**אנשי שלומינו רופט אלחנן חיים רוטה 845-898-1707**

| | |
|---|---|
| **$500** | זכות משפחה קטנה |
| **$1800** | זכות משפחה גדולה |
| **$5000** | זכות כל דכפין |

אויב איז אייך שווער צו צאלן דעם פולן
פרייז קענט איר אויסשניידן די קאופאנס

**DRY GOODS**

**50% OFF**

נאמען

טעל.

**UPPER SHOES**

**50% OFF**

נאמען

טעל.

aimcreatives.co

ש.ל. פליישמאן



# שיינע אין גראמען

ב׳ פקודי תשפ״ד

## וואו איז דער אמת?

*נעכטן בין איך געקומען*
*צו א שיעור פונעם ראש ישיבה.*
*געווארן בין איך איבערגענומען*
*מיט געפילן פאזיטיווע!*

פארהאן אזויפיל סארטן אידן,
חסידות׳ן און קרייזן פארשידן.
יעדער ביי זיך האלט,
ביי אים דאס אמת שטראלט...

אלץ פרישע מקורב, און אויך היינט,
האט דער ראש ישיבה געוויינט:
"באשעפער",ביים ארון הקודש געבעטן,
"אויפן אמת׳ן וועג וויל איך טרעטן"...

וואס וועט מען מיר "דארט" זאגן?
אומזיסט געווען מיינע פלאגן?
איך וויל נישט זיין א געשפעט,
מיין גאנץ לעבן געלעבט איינגערעדט...

אמת איז זאגן משניות!
אמת איז האבן שלום בית!
אמת איז א לעבן מיט די תורה!
אמת איז א קשר מיט מיין בורא!!!

אז איך וועל מיין מויל אויפשליסן,
מיטן באשעפער אנהייבן שמועסן...
מיינע בלבולים און ספיקות פרעגן,
**וועל איך זיכער גיין אויף אמת׳ע וועגן!**

בס"ד

Pérrelles
COUTURE

New and preowned clothing for the entire family

# SUMMER COLLECTION ARRIVED!!

אלעס פאר זייער ביליג!

## New Policy:

- Dear Customers: Clothing cannot be taken out of the bazaar until payment is made in full.
- We now offer a payment option. Apply a larger amount so you can deduct for future purchases
- Returns are accepted for up to a week for store credit.
- Please do not open any unpacked box or bags

Projected by breslev


SS24
PESACH SALE
20-50%
IDEA. 8452769664
Chumys
TICHLECH
for appointment 3476334946
Beautiful collection of Tichlech shabbos, vochen and white • Tichel binding courses • Custom tichel liners

# אנטלאפן פאר שולחן עורך

מ. ק. ארץ ישראל

שרי, וואו איז די טשארדזשער פון די טעלעפאן? האסט עס געהאלטן פאר דעם, ניין?

**אה, יא אסתי איך האב עס אוועקגעלייגט אויפן קאונטער, איך מיין אזוי, גיי קוק!**

איין מינוט אסתי, ברענג מיר שוין אויפן וועג א ריינע שמאטע, איך האלט דא אינמיטן ריין מאכן די פענסטער׳ס פון צימער.

**שרי? יא אסתי! האסט מיר געברענגט א שמאטע?**

ניין! הער זיך איין עס טשארדזשט זיך נישט, האסט עס קאליע געמאכט, זאלסט מיר זיין געזונט און דערלעבן משיח׳ן! עס איז אריינגעפאלן אין סינק, עס איז געגאנגען פייפן, א אנדער מאל קוק וואו דו לייגסט עס אראפ. ברענג מיר יעצט א אנדער טשארדשער, איך האט נישט קיין באטעריע, און איך מוז טשארדשן מיין טעלעפאן.

**יאוי, ׳גם זו לטובה׳, איך וועל דיר אויפזוכן א אנדערע.**

איי זאלסט זיין געבענטשט! איך וויל אזוי שטארק הערן עפעס א שיעור, א חיזוק פון דער ראש ישיבה אויף די האטליין, בארואיגן מיינע נערוון וואס גייען שוין פלאצן כמעט, ווייסט וואס? קענסט מיר אפשר געבן דיין טעלעפאן?

**יא, בשמחה רבה! נאר שימי איז ארויס ברענגען די ׳קמחא דפסחא׳, און ער האט מיט גענומען מיין טעלעפאן.**

אה, איז וואו איז די עם פי טרי? איך וועל אריינלייגן מיין SD קארד וואס האט אסאך שיעורים, נישט קיין פראבלעם נאר גיי

זיך אויף צווישן אלע ספרים, שפילערייען, דאליס, קליק'ס, וכו' א קליין עם פי טרי. "זאל זיין אזוי, זאל זיין אזוי ווי דער אייבערשטער וויל"...

**יא זאל זיין אזוי הייליגער באשעפער, איך האלט דא אינמיטן רייבן די אויוון לכבוד בפסח, און איך בין שוין אזוי אויסגעמוטשעט, איך וויל אזוי שטארק הערן עפעס א שיעור, א חיזוק, בארואיגן מיינע נערוון, אבער איך האב נישט קיין וועג! א טעלעפאן איז נישטא! די עם פי טרי באשעפער וואו זאל איך עס גיין אויסזוכן יעצט?**

אט אזוי לפחות לאמיר אנצינדן מוזיק, זאל דא ווערן פריילך! זאל ווערן אויפגעלעבט, זיך אויף פרישן און ווערן אין א גוטע מוט.

"ומרקדין ומרקין לפני החתן... ומרקדין ומרקין לפני הכלה... אואו אואו ומרקדין ומרקין 1 2 3 ....

א מחי' א חתונה עס מאכט מיר אזוי פריילך, איי יא! יא! נאך אביסל גיי איך שוין באקומען מיין שידוך! חתונה האבן! הלוואי עס קומט שוין היינט! איך האב שוין נישט קיין כח צו ווארטן.

**העלאו! וועק זיך אויף! אסתי! וואס ביסטו אזוי פאר'חלומ'ט דא? איך שריי דיר פונדרויסן שוין אפאר מאל זאלסט פארלעשן די מוזיק, עס איז צו הויך, איך האלט אינמיטן רעדן מיט חוי זי איז יעצט אין געשעפט איך דארף איר מסביר זיין, און איך קען נישט הערן קלאר, שוין דא געגוג גערודער פון אלע שכנים דא ארום.**

אקעי, אנטשולדיגט, איך פארלעש עס יעצט, אז נישט מוזיק לאמיר זיך לפחות אונטערזינגען א ניגון צו דיר באשעפער "אוי באשעפער אוי באשעפער, אוי איך בעט דיר געב מיר א שידוך ווייל איך וויל זיין ערליך"...

**אסתי!**

יא מאמי! איך בין דא!

**שימי איז אויבן מיט אסאך באקסעס און בעג'ס גיי העלף אים אראפטראגן די 'קמחא דפסא'.**

יא מאמי איך לויף ארויף.

בום! טראך! ספלעש!

**יאוי אסתי, קומענדיגע מאל געב אכטונג ווען דו לייגסט אוועק גרעיפ דשוס, דריי באטלעך גרעיפ דשוס האבן זיך צובראכן. א שאד! חוי, ווי איז חוי? שורי קום נעם אוועק מירי זי קריכט דא, און עס איז א סכנה! די גאנצע ערד איז מיט גלאז. אסתי וואס איז מיט דיר? נאכאמאל געב אכטונג.**

**יא מאמי! אנטשולדיגט! מיטן אייבערשטנ'ס הילף איך גיי עס יעצט אויפרוימען.**

אוהא! שרי האסט אזוי שיין אויפגערוימט די חצר! א מחי'ה! א געוואלדיגע ארבעט! האסט ממש גאלדענע הענט!

**שכח מאמי! שכח אייבערשטער! וואס נאך קען איך טון היינט?**

גיי באדן די קינדער, איך וועל צוגרייטן נאכטמאל.

מאמי! - יא אסתי - איך פראביר דא רייבן א פלעק שוין אפאר מינוט און עס גייט נישט אראפ בשום אופן, וועלכע נאך מאטריאל קען איך נוצן?

**א מינוט אסתי! איך בין פארנומען, דו ביסט א גרויסע מיידל! פרוביר זיך אן עצה געבן, בעט דעם אייבערשטן עס זאל ריין ווערן!**

**עס פעלט מיר דא אייער. אסתי, גיי ארויף צו די שכנים און פרעג זיי אויב זיי קענען בארגן צוויי אייער.**

יא מאמי איך גיי!

העלאו מאמי, דא האסטו צוויי אייער. ספלאטש! בום! הופ'ס וואס גייט פאר מיט מיר היינט? וואס איך טו גייט מיר נישט 'באשעפער'. מאמי איך וועל ריין מאכן די איי, וועסט זיך אן עצה געבן מיט איין איי?

אדער זאל איך גיין ברענגען נאך איינס?

**ווייסט וואס? עס איז גוט אזוי! לאז אפ! אבער וואס איז מיט דיר היינט אסתי? ביסט צו פארטראכט אה?**

"הייליגער באשעפער אין וואס בין איך טאקע אזוי פארטראכט?"

טאקע איך וויל שוין אזוי שטארק חתונה האבן! און עס איז מיר שווער צו זיין אליינס. אבער איך מוז אנגיין! זיך דערהאלטן! איך קען זיך נישט ארומדרייען אזוי פאר'חלומ'ט, פארטראכט. אייבערשטער אפילו עס איז מיר שווער געב מיר כח באשעפער! זיך דערהאלטן מיט שמחה! זיך ארומדרייען מיט א שמייכל אויפן פנים.

אסתי, אסתי דו מוזט הערן א שיינע מעשה'לע וואס מיין רבי האט היינט פארציילט אין חדר! דו ווילסט הערן?

יא צדיק'ל, זיכער וויל איך הערן! איך בין זייער פארנומען, איך האלט אינמיטן רייניגן די אויוון, אבער איך וויל הערן, דערצייל.

איז אזוי: עס איז געווען א גוי א ארעמאן וואס האט נישט געהאט וואס צו עסן, עס איז געווען ערב פסח און ער האט געוואוסט אז ביי די אידן איז דא אסאך וואס צו עסן יום טוב, גוטע פלייש, און וויין. האט ער זיך פארשטעלט ווי א איד און יום טוב איז ער געגאנגען שול. אזוי זאל אים איינער רופן צו די סעודה.

און אזוי איז טאקע געווען, ער איז געקומען ביי א אידישע משפחה פראווען דעם סדר נאכט. דער טאטע האט אנגעהויבן קדש, ורחץ... און דער גוי האט נישט געוואוסט מען דארף טון, ער האט פרובירט נאכמאכן די קינדער, און, און... ער איז שוין געווען אזוי הונגעריג, ער האט נישט געגעסן אפאר טעג, ער האט שוין געווארט מען זאל ברענגען די עסן צום טיש.

כרפס, יחץ, מגיד... מוציא מצה... דער גוי האט בכלל נישט געוואוסט ווי אזוי מען עסט מצה, ער האט עס אויפגעגעסן שנעל און זיך כמעט דערשטיקט. יואוי, דו מוזט הערן ווי 'פאני' דער גוי ווען מען איז אנגעקומען צו מגיד האט ער שוין פארלוירן זיינע נערוון כמעט, ער האט נאר געוואלט עסן! מרור, סוף כל סוף ברענגט מען שוין ארויס די גוטע עסן, ער האט גענומען די גאנצע שיסל חריין! און עס אויפגעגעסן ווי א הונגעריגער לייב וואס האט נישט געגעסן א גאנצע וואך, עס האט אים אנגעהויבן ברענען די גאנצע קערפער, ער איז אוועקגעלאפן פון טיש און נישט אויפגעהערט שרייען און שעלטן, אז דאס וואס מען געבט עסן ביי די אידן.

אזא נאר! ער האט נישט געוואוסט אז אויב ער וואלט געווארט נאך אפאר מינוט וואלט ער געהאט א גאנצע סעודה! א שיינע שולחן עורך.

דו הערסט? אזא טפשות פון א גוי! א שאד! ווען ערווארט אפאר מינוט האט ער א פיינע סעודה!

**וואו מוישי, דו קענסט אזוי שיין דערציילן! איך זע אז דו הערסט גוט אויס דעם מלמד! אה אזא וואויל קינד! שכח אייבערשטער.**

יא! יא! איך גיי ווארטן אויף מיין שולחן עורך.

איך גיי נישט אוועקלויפן ביי די מרור.

טאקע עס איז מיר ביטער שווער צו זיין אליין.

איך וויל שוין מיין שידוך! אנהייבן מיין לעבן!

אבער איך וועל נישט זיין ווי דער נארישער גוי.

איך וועל זיך דערהאלטן נאך אביסל.

מיט אמונה! מיט שמחה!

טאקע איך בין אליין, אבער אליינס מיטן אייבערשטן!

**באשעפער געב מיר כח! צו ווארטן אויף מיין שולחן עורך!**

## ברסלב'ס חידות

**דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט: אויף פסח וועט זיין, אבער ווי נעמט מען**

א. מצות אויף פסח
ב. דעם פסח אליין
ג. אויף שבועות
ד. פסח'דיגע קוקי'ס

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

ר' נתן האט געזאגט: פון א תעניג'ל פון פופצן מינוט, קען מען פארלירן

**די וועלט און יענע וועלט!**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**יצחק מזרחי נ"י - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

# קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

## טרעף די ווערטער

**אז מיר שטייען יעצט פאר אזא הייליגע יום טוב דארפן מיר אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן זיך פרייען מיט די מצוות, אזוי ווי דער הייליגער אריז"ל האט געזאגט, אז ער איז צוגעקומען צו אלע זיינע מדריגות נאר צוליב דעם וואס ער האט זיך געפריידט מיט די מצוות פונעם אייבערשטן.**

(עבדת אמונה פרשת ויקה"פ תשע"ח)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ד | ג | פ | ק | נ | נ | ח | מ | ר | ד | ל | ק | ר | א | ד |
| ר | ר | נ | ע | צ | ג | ט | א | א | ז | י | ס | י | ת | ר |
| נ | ס | ש | צ | נ | ל | א | ז | ב | כ | ס | ו | ח | ד | ת |
| ק | ב | ג | ו | ו | א | ס | א | י | ז | מ | ד | פ | א | ו |
| ת | ו | מ | א | ד | ס | ל | ז | ב | ע | ט | נ | א | ר | ג |
| נ | ע | מ | ו | ק | ע | ג | ו | צ | י | ט | צ | ר | פ | י |
| ד | ק | ש | כ | ע | ש | נ | ע | ט | ש | ק | ט | ד | נ | ר |
| ט | א | ד | ד | מ | ע | ק | ג | ר | צ | ק | ד | ש | ע | ד |
| פ | ד | ז | ס | פ | ב | ד | ע | מ | ק | ע | י | ג | ח | מ |
| ר | ת | ק | א | ל | י | ב | ז | פ | ש | ט | י | י | ע | נ |
| י | ה | כ | מ | ד | י | ו | א | ז | ו | ל | ר | כ | נ | נ |
| י | א | ו | מ | י | ר | ט | ג | ז | י | נ | פ | ר | ע | ד |
| ע | ט | י | א | ס | ר | ע | ט | י | ב | ז | ע | נ | א | ר |
| נ | נ | ו | ר | ה | צ | י | ה | ב | ר | י | ג | מ | ו | ח |
| ח | י | ו | י | י | י | ז | מ | ח | ב | כ | ל | ח | ל | ו |
| מ | נ | ת | ז | י | ד | י | י | מ | ש | ת | ו | ו | צ | מ |
| ט | ד | ה | ל | ט | ט | נ | ל | י | צ | ז | א | ק | צ | ו |
| א | ע | ט | פ | ד | ד | כ | ד | י | נ | ו | ז | פ | ע | נ |
| ה | כ | א | ס | א | ל | ע | ט | ה | ג | ע | ו | ט | י | מ |
| י | ש | ק | ט | נ | ד | ב | ק | ל | ר | ע | י | ת | ג | ר |

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צום בדיקת חמץ!





## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד??




ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי נתן האט אמאל געזאגט: אויף פסח וועט זיין, אבער ווי נעמט מען דעם פסח אליין!"

## שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

חלק שני

**ה. עַל יְדֵי תַּאֲוַת אֲכִילָה, הוּא אוֹהֵב בֵּן אֶחָד יוֹתֵר מִשְּׁאָר בָּנָיו.**

דוּרְךְ תַּאֲוַת אֲכִילָה, הָאט מֶען לִיבּ אֵיין קִינְד מֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

# קליין און פיין


שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM




אדי סאמעט



דוד גאטליב



חיים בוים



שלמה בוים



גאלדי לאקס - קרית ברסלב




פייגי לאנדא - קרית ברסלב



אליעזר שלמה לעווי
וויליאמסבורג

# מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה
# פַאר קִינְדֶער

רבקה יאקאבאוויטש תחי' - קרית ברסלב










פערל לעצער תחי' - קרית ברסלב









בס"ד

איש את רעהו יעזורו

מפעל החסד
# יעזורו

שע"י מוסדות
היכל
הקודש
בארץ ישראל

בנשיאות מורינו ראש הישיבה שליט"א

• שלמה פון חיפה, • ישראל פון נתניה, • יהושע פון בראכפעלד, • נחמן פון בית שמש, • יוסף פון בני ברק, • אברהם פון אלעד, • יוחנן פון טבריה

# ווער איז פריער?

כדי צו געבן פאר אלעמען, דארפן אונז א סכום פון

# $ 60,000



# ניין! מיר ווערן זיי נישט פארלאזן!!

## קויפט זיך איין זכותים

| | |
|---|---|
| א משפחה מיט חתונה געהאטע קינדער קינדער | א משפחה פון העכער 5 קינדער |
| 3,000 ש"ח<br>$ 810 | 2,500 ש"ח<br>$ 670 |
| א משפחה פון העכער 3 קינדער | א משפחה ביז 3 קינדער |
| 1,500 ש"ח<br>$ 400 | 1000 ש"ח<br>$ 270 |

די גאנצע געלט וואס איר גיבט
100%
גייט צו ארעמע משפחות

**איר קענט איבערגעבן אייער נדבה ביי די גבאי "יעזורו" אין אלע שטעט**

אזוי אויך קענט איר רופן און איבערגעבן אייער נדבה אויף 972-527-128-416

**ווי אויך קענט איר מנדב זיין אויף די 'נדרים פלאס' פלאטפארמע**

**אונטערן נאמען : מוסדות היכל הקודש**

ווערטער פון דער ראש ישיבה שליט"א
איבער די וויכטיגקייט פון די קופה



ס'איז זייער שווער צו צוזען די צושטאנד פון די ארעמע משפחות צווישן
אנשי שלומינו אין ארץ ישראל

**ס'איז זייער וויכטיג אויפצושטעלן א קופה**

**וואס מיט דעם וועט מען זיי קענען אריינשיקן שיינע סכומים**
**לכבוד די ימים טובים און צייטן פון שמחות**

# בילדער
## אפטיילונג













פרייליכע חתונה פון החתן נחמן יצחק רעכניצער
ב׳ שמיני תשפ״ד





נייע שיפמענט פון מעשה׳לעך פאר קינדערלעך USB
אין הפצה ווינקעל אין היכל הקודש בני ברק









פרייליכע חתונה פון החתן ישראל שמעון
שטיינבערג - ב׳ שמיני תשפ״ד



בר מצוה וסיום חצי ש״ס פון הבחור אביגדור נ״י בן מו״ה
שלמה חיים ווייס הי״ו גבאי היכל הקודש בראכפעלד



דער ראש ישיבה אין שטעטל חדר - דאנערשטאג שמיני





שיעור בין הזמנים






תלמוד תורה היכל הקודש טבריה ביים ציון פון קארלסבורג׳ער רב זצ״ל אין מירון אינעם יארצייט - ג׳ שמיני תשפ״ד





תלמוד תורה היכל הקודש טבריה ביים מערה פון רבי שמעון בר יוחאי אין מירון - ג׳ שמיני תשפ״ד



ליקוי חמה אין קרית ברסלב - ב׳ תזריע תשפ״ד



די ברסלב׳ע קינדער קוקן אויפן זון אין קאנטרי ביים פריערדיגן ליקוי חמה, זומער תשע״ז





געברענגט א שעפעלע אין שטעטל חדר, אין בעפארגרייטונג צום יום טוב פסח


פראוועט
די סדר
ווי א ריכטיגע
בן
חורין
Free Delivery with minimum order
מיר האבן א רייכע אויסוואל פון אלע ספרים,
games, Judaica און ביכער פאר קליין און
גרויס. ווי אויך פארמאגגן מיר א רידיגע אויסוויל
פון אלע סארטן זילבער פילד כלים.
**מיר דענען אפען א גאנץ יאר**
שיקט אונז א מעסעדש און באקומט אייער
ארדער דעליווערד צום טיר אין די קעטסקילס
347.578.4449
51 Twin Bridge Rd. Liberty N.Y. 12754 left side entrance
קרית ברסלב
& judaica
**אפען טעגליך** - 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
**פרייטאג** - 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
**מוצאי שבת** - א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00
olmcreatives.co

בס"ד

We accept most insurance plans

# You shouldn't waste an hour on a simple test



Get the care you need in your own home.

SERVICING ENTIRE BROOKLYN AREA

**OUR AT HOME SERVICES :**
PRESCRIPTIONS. STREP CULTURES.
FLU & COVID/RSV TESTING.
URINE CULTURES. EAR EXAMINATIONS.

Now servicing the upstate area, Liberty and Bloomingburg

Medease
CARE AT HOME

**718.208.2030**
Info@medeasecare.com
medeasecare.com

Mon-Thurs: 3:30pm-10pm | Motzei Shabbos: From 1/2 hour after the zman

admarkny.com